בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## בלק תשי"ח

**הלימוד מן פרשת בלק איך לעבוד את ה' בעזות דקדושה**

• ביאורי דברי הגמרא: חוצפא אפילו כלפי שמיא מהני. בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. בעיקבא דמשיחא חוצפא יסגא • ממדת החוצפה נברא "מזיק גדול" • משל האוהב והשונא של המלך, בהחילוק איך לְדַבֵּר אל בן המלך • טעם שבקשו לקבוע פרשת בלק בקר"ש • ראיית הרמב"ם לאמונת ביאת המשיח מפסוקי פרשת בלק • גם שרי האומות נקראים "פמליא של מעלה" • בתורה נכתבו רק הברכות שאמרן הקב"ה והם נצחיים • שלא להתפעל ממלעיגים בעובדי ה' כי זוּלַת הקב"ה ותורתו הקדושה הַכֹּל הָבֶל! •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

צו נעמען אַ חלק דורך אַ קרעדיט קארטל: **718-673-2199**

---

**קונטרס 108**

**לשמיעת הדברות קודש:**

(אמעריקא) **718-298-4641** (ארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע +972-72-3333419)

צו הערן די תורה **בלק תשי"ח**

דרוקט: **#→718→4→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(**27** מינוט) **כמעט קלאָר**

★★★☆☆

---

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

## • זכות הגליון •

האשה החשובה אשה יראת ה', בעלת מדות טובות וישרות התנהגה בצניעות בפשטות ובתמימות, ותמיד השמיע דברי הודיה להשי"ת על רחמיו וחסדיו המרובים

מרת **טילא** ע"ה **קארפען**

בת הרה"ח ר' **יחזקאל שרגא** ז"ל הי"ד

נפטרה י"ט תמוז תשנ"ז לפ"ק

•

הרה"ח שוקד בתורה ויר"ש, מלמד תשב"ר עשרות בשנים

רבי **אהרן צבי** ז"ל **סאמעט**

בהר"ר **יחזקאל יואל** ע"ה

היה דבוק ברביה"ק זי"ע ובספריו הקדושים

נפטר ב' תמוז תשע"ז לפ"ק

•

**תנצב"ה**

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת בלק

**א**

**קושיא א**

[וַיָּבֹא[א] אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם וַיֹּאמֶר מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה עִמָּךְ, וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל הָאֱלֹקִים בָּלָק בֶּן צִפֹּר מֶלֶךְ מוֹאָב שָׁלַח אֵלָי. וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא].

במדרש: דלפי שהיה בלעם כגונב דעת העליונה, על כן נאמר לו לא תאור את העם

דער מדרש זאָגט[ב], ווען ער האָט געזאָגט מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה עִמָּךְ, האָט ער געענטפערט בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב [שָׁלַח אֵלָי], אַזוי ווי [גלייך] ער ווייסט נישט [וצריך להודיעו, ונעשה בלעם] כגונב דעת העליונה[ג].

האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט, אַז דו ביסט אַ גונב דעת העליונה, דו קלערסט איך ווייס נישט, לכן לֹא תָאֹר אֶת הָעָם.

**ב**

ונדחקו המפרשים דהאיך תלוי זה בזה, וכי נימא דאם היה משיב כהוגן היה ניתן לו רשות לקלל, והלא נאמר וְלֹא אָבָה ה׳ אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וגו׳ כִּי אֲהֵבְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ

א) איז דאָך אַ פלא, פלאָגן זיך די מפרשים, לכאורה וואָס איז דער טייטש דערפון, אַלע מפרשים פלאָגן זיך, [דלכאורה] אַז דאָס איז דער טעם [של לֹא תָאֹר, יען שלא השיב כהוגן. אם כן משמע] און ווען ער העט נישט גיווען געווען קיין גונב דעת עליונה העט ער יאָ גיווען ערלויבט חלילה צו שעלטן אידן?

דער תנאי איז דען געווען, דער לֹא תָאֹר אֶת הָעָם איז [דען] געווען פאַר ׳דעם׳ געווען? דאָס איז דאָך סיי ווי סיי, הקב״ה [אין רצונו בזה, כדכתיב] (דברים כג, ו) לֹא אָבָה ה׳ אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם [וַיַּהֲפֹךְ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ].

**ג**

**קושיא ב, ג - מתוך הדרוש**

[וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא. פירש רש״י: **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם**, אמר לו אם כן אקללם במקומי, אמר לו **לֹא תָאֹר אֶת הָעָם**, אמר לו אם כן אברכם, אמר לו אינם צריכים לברכתך **כִּי בָרוּךְ הוּא**. מָשָׁל אומרים לצרעה לא מדובשך ולא מעוקצך.

**ד**

ב) ויש להבין איך נתהפך פתאום מן הקצה אל הקצה, שמקודם אמר לקללם, ומאחר שמנעו השם יתברך מלקללם אמר "אם כן אברכם", וכי שקולים אצלו הברכה והקללה שאם לא יוכל לקללם יברכם.

(הקושיא בדברי רבינו, באות נה)

ג) ותו דאין המשל דומה לנמשל, כי אצל הצרעה ישנם שניהם, העוקץ והדבש, אבל כאן אם רצה לברכם הלא הוא לכאורה כולו דבש, ואין כאן עוקץ]. (הקושיא באות נב)

---

[א] חסר קצת בתחלתו. (ואולי כי שם אמר רבינו קושיא ב׳ ג׳ ד׳ דלהלן, וכעין הנדפס בחידושי תורה ג׳ כרכים, ובקונטרס דברות קודש בקושיא א׳, אבל מלשון רבינו בהתירוץ משמע קצת שאותן קושיות הוסיף רבינו בתוך התירוץ).

[ב] **במדרש רבה** (בלק כ, ו): וכן בלעם הרשע בשעה ששלח בלק אצלו, אמר לו הקב״ה מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה עִמָּךְ, היה צריך לומר רבונו של עולם הכל גלוי לפניך ואין כל דבר נעלם ממך, ולי אַתְּ שואל. אלא אמר לו בָּלָק בֶּן צִפֹּר מֶלֶךְ מוֹאָב שָׁלַח אֵלָי, אמר הקב״ה הואיל וכך אתה מְדַבֵּר, לֹא תָאֹר אֶת הָעָם.

[ג] הוא מלשון הנאמר במדרשים (ב״ר כב, יג. ויק״ר י, ה) וברש״י (בראשית ד, ט וטז) אצל קַיִן.

KolSatmar.com

**ה**

**קושיא ד**

**בגמרא סנהדרין**: חוצפא אפילו כלפי שמיא מהני, שהרי בתחלה
אמר לו לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם, וכשהחציף ורצה לילך נאמר לו קוּם לֵךְ אִתָּם

די גמרא זאָגט אין סנהדרין (קה.) **חוצפא אפילו כלפי שמיא מהני**, [שהרי] הקדוש ברוך הוא האָט אים [מעיקרא] געזאָגט **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם**, און דערנאָך האָט אים הקב"ה געזאָגט **קוּם לֵךְ אִתָּם**. דורך דער חוצפה האָט ער דורכגעפירט, [אַז] מ'האָט אים געזאָגט קוּם לֵךְ אִתָּם.

**ו**

והוא תמוה, דאם לא היה רצון הבורא שילך, איך שייך לפעול כלום כלפי שמיא ע"י חוצפה

ד) איז עפעס אַ פלא, ממה נפשך, אַז ס'איז נישט געווען דער רצון הבורא ברוך הוא [שילך עמהם], ווי קאָן מען עפעס מיט חוצפה 'דורכפירן' אויף כלפי שמיא [עד שיאמרו לו] קוּם לֵךְ אִתָּם.

**ז**

**קושיא ה**

**בגמרא מלקות**: דזה היה עבור כי "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו", וגם זה צ"ב

ה) אין [מסכת] **מלקות** זאָגט די **גמרא**[ד] אַביסל אַן אַנדערע בחינה, **בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו**, [שהרי] קודם האָט מען אים געזאָגט **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם**, און ווייל ער האָט 'געוואָלט', איז **קוּם לֵךְ** [אִתָּם], ווייל ס'איז **מוליכין אותו** [בדרך שרוצה לילך].

[וגם זה יש להבין, נו דער בורא כל עולמים פירט חלילה אויף שלעכטס (מלשון רבינו באות סה)].

**ח**

נאָר מ'זאָל צוקומען צום ענין [ליישב קושיות הנזכרים, נקדים להציע עוד איזה קושיות].

**ט**

**הקדמה לקושיא ו - ט**

**בגמרא סנהדרין**: מברכותיו של בלעם ניכר מה שהיה בלבו לקללם. ולבסוף באמת כולן חזרו לקללה, חוץ מענין אחד, והוא ברכת מה טובו, שהוא קיום בתי כנסיות ובתי מדרשות. ויליף לה מדכתיב ויהפוך "הקללה" לברכה, בלשון יחיד

די **גמרא** זאָגט אין **סנהדרין**[ה], **מברכותיו** [של בלעם] **ניכר מה היה בלבו לקללם**, די אַלע זאַכן [של ברכה] וואָס ער רעכנט אויס אין פסוק, האָט 'ער' אינזין געהאַט פאַרקערט. - **דער מדרש** (ילקוט, רמז תשע) **רעכנט** [אויך] **אויס די אַלע זאַכן** [שבגמרא]. - [וכגון דמברכתו] **וְתִנַּשֵּׂא מַלְכֻתוֹ**, [ניכר שהיה בלבו לקלל] **שלא יהיה להם מלך**, אַלדינגס רעכנט ער אויס [שהיה בלבו על ההיפוך].

---

[ד] **בגמרא מכות** (י:): אמר רב הונא א"ר אלעזר, מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים **בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו**. מן התורה, דכתיב לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם, וכתיב קוּם לֵךְ אִתָּם. מן הנביאים, דכתיב אֲנִי ה' אֱלֹקֶיךָ מְלַמֶּדְךָ לְהוֹעִיל מַדְרִיכְךָ בְּדֶרֶךְ תֵּלֵךְ [פירש"י בדרך אשר תבחר לילך]. מן הכתובים, דכתיב (משלי ג, לד) אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן [פירש"י אִם לַלֵּצִים, בא אדם להתחבר. הוּא יָלִיץ, אין מעכבין בידו].

[ה] **בגמרא שם** (קה:): **אמר רבי יוחנן, מברכתו של אותו רשע, אתה למד מה היה בלבו. ביקש לומר שלא יהו להם בתי כנסיות ובתי מדרשות**, מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב. לא תשרה שכינה עליהם, וּמִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל. לא תהא מלכותן נמשכת, כִּנְחָלִים נִטָּיוּ. לא יהא להם זיתים וכרמים, כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר. לא יהא ריחן נודף, כַּאֲהָלִים נָטַע ה'. לא יהיו להם מלכים בעלי קומה, כַּאֲרָזִים עֲלֵי מָיִם. לא יהיה להם מלך בן מלך, יִזַּל מַיִם מִדָּלְיָו. לא תהא מלכותן שולטת באומות, וְזַרְעוֹ בְּמַיִם רַבִּים. לא תהא עזה מלכותן, וְיָרֹם מֵאֲגַג מַלְכּוֹ. לא תהא אימת מלכותן, וְתִנַּשֵּׂא מַלְכֻתוֹ.
אמר רבי אבא בר כהנא **כולם חזרו לקללה, חוץ מבתי כנסיות ומבתי מדרשות** שנאמר וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת 'הַקְּלָלָה' לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ, קללה ולא קללות.

KolSatmar.com

זאָגט די גמרא **וכולן חזרו בהן**, אַלע זענען זיי טאַקע חזרו בהן, די בְּרָכוֹת. חוץ **מאחד**, [מה שרצה לקלל] **שלא יהיו להם בתי כנסיות ובתי מדרשות**, [דבברכת] **מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב** למשל, האָט ער אינזין געהאַט שלא יהיו בתי מדרשות ובתי כנסיות, דעס איז נישט מקויים [געוואָרן מחשבתו], דאָרטן [לא חזרה לקללה], 'די' קללה איז חלילה נישט געווען. [ודרשו כן, ווייל] ס'שטייט (תצא כג, ו) **וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת "הַקְּלָלָה" לִבְרָכָה**, "איין" קללה [נהפך לברכה לגמרי], נישט די איבעריגע, [שהם חזרו בהן].

**י**

**קושיא ו**

מהיכן ידעו לפרש בהפסוק וַיַּהֲפֹךְ אֶת "הַקְּלָלָה" לִבְרָכָה, בלשון יחיד, דהכוונה דייקא על מה טובו אהליך יעקב

**ו) לכאורה שטייט דאָך גאָרנישט אין "פסוק"** [וַיַּהֲפֹךְ אֶת "הַקְּלָלָה" לִבְרָכָה] **וועלכעס מ'מיינט דאָס, אַז ס'איז** [געבליבן] **צום גוטן**, [ומהיכן למדו שהכוונה על ברכת מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ] ?

**יא**

**קושיא ז**

ולמה באמת נשתנה ברכה זו משאר הברכות, שכולן חזרו ולא זה

**ז) און פאַרוואָס** [באמת] **איז דאָס אַנדערש פון אַנדערע** [בְּרָכוֹת, שרק זו לא חזרה].

**יב**

**קושיא ח**

אם כולן חזרו, מה היה התועלת בכל אלו הברכות, ובמה שהשים ה' דבר בפי בלעם לאמר כה תדבר

**ח)** [און] **דאָס גאַנצע** [מה ששאר הברכות חזרו בהן, צריך ביאור] **אם כן וואָס האָט מען אויפגעטון** [במה שלא הורשה לקלל רק לברך]. **אַז** [ס'איז] **חזרו בהן, וואָס האָט מען פון דאָס גאַנצע** [מה שאמר כל אלו הברכות].

**יג**

**קושיא ט**

במדרש איתא במקום אחד, שנתהפכו "הקללות" לברכות, והוא דלא כהגמרא. ויש להבין איך להשוותן זה עם זה

**ט) אין מדרש לעולם שטייט**[ו], **ויהפוך ה' אלקיך את "הקללות" לברכות, שטייט טאַקע אַ לשון רבים, זעט אויס זיי זענען 'אַלע' נתהפך געוואָרן** [רק] **לברכה.**

[וצריך ביאור להשוות דברי המדרש עם דברי הגמרא].

**יד**

**קושיא י**

במדרש פרשת עקב: כל מה שישראל נהנים בעולם הזה, הוא מברכתו
של בלעם. אבל ברכות האבות משומרים הן על לעתיד לבא

**אין מדרש רבה פרשת עקב שטייט**[ז] [בפסוק] **וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן וגו' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד, זאָגט ער אַז אַלדינגס וואָס אידן זענען נהנה בעולם הזה, איז מברכתו של בלעם. אָבער די ברכת האבות, משומרים הן לעתיד לבא.**

[ועל זה נאמר] **וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן וועט זיין וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ, דעס וועט מען אָפּהיטן אויף "לעתיד", און "אויף 'דעם' עולם" וועט מען נהנה זיין פון די ברכה פון בלעם.**

---

[ו] **במדרש רבה** (בלק כ, ה): **לא ראה בלק בן צפור שעשיתי להם כל הנסים ושכר עליהם בלעם והפכתי את הקללות לברכות.**

[ז] **במדרש רבה** (עקב ג, ד): דבר אחר וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ. מהו ושמר, אמר רבי שמואל בר נחמן, כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה, מכח הברכות שברכם בלעם הרשע, אבל ברכות שברכו אותן האבות משומרין הן לעתיד לבא, שנאמר ושמר ה' אלקיך וגו'.

KolSatmar.com

### טו

ונמצא לפי זה דעדיין נשאר מברכותיו, וזהו ג"כ סתירה לדברי הגמרא דכולן חזרו בהן

י) זעט דאָך אויס [מדברי המדרש] אַז ס'איז יאָ עפּעס געבליבן פון זיינע בְּרָכוֹת, און די גמרא זאָגט דאָך כולן חזרו בהן. [ויש ליישב הסתירה].

### טז

### קושיא יא

במדרש פרשת דברים: השונא אומר לבן המלך עשה כטוב בעיניך כי אתה בן המלך ולא יקפיד עליך, אבל האוהב אומר לבן המלך השמר והזהר שלא תחטא אף שבן מלך אתה, כי מלך במשפט יעמיד ארץ, ואם תחטא תיענש

ס'שטייט אין **מדרש רבה** [וילקוט שמעוני] **פרשת דברים**[ח], [בפסוק] **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה**, זאָגט דער מדרש, משה רבינו איז געווען [הוכיח את ישראל], **נֶאֱמָנִים פִּצְעֵי אוֹהֵב** [זה משה] **וְנַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא** (משלי כז, ו) [זה בלעם].

זאָגט ער אַ משל, אַ גוטער פריינט פאַר'ן מלך זאָגט פאַר'ן זון ער זאָל גיין בדרך הישר, ער זאָל גיין אין דעם ריכטיגן וועג, ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן [אַז] ער וועט זינדיגן און דער פאָטער וועט אים [שוין] מוחל זיין, ער זאָגט אים "חלילה אַז דו וועסט זינדיגן וועט נישט גוט זיין", דער טאַטע וועט דיר נישט מוחל זיין.

און דאָס ברענגט אים אַרויס [צו וואַקסן] בדרך הישר.

[אָבער] אַ **שונא** זאָגט אים אַז ער מעג טון אַלדינגס, דער שונא זאָגט "דער מלך איז דאָך דיין טאַטע", אפילו דו וועסט זינדיגן וועט ער דיר אויך מוחל זיין.

### יז

וכן משה רבינו שהוא אוהב, אמר לישראל דברי "תוכחה", אבל בלעם אמר געזאָגט לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב, וכדומה

זאָגט דער מדרש [דהנמשל הוא]: **אַז משה רבינו האָט געזאָגט "תוכחה"**, [אלה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה, ער איז געווען **דער גוטער פריינט**.

און **בלעם** איז געווען אַ **שונא**, האָט ער געזאָגט לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ס'וועט דיר נישט שאָדטן גאָרנישט. [עד כאן דברי המדרש].

### יח

וקשה, וכי בלעם אמר כל זאת מעצמו, והלא בעל כרחו הוכרח לדבר כדבר ה'

יא) לכאורה איז דאָך אַ פלא, [דלפי זה] זעט אויס אַז בלעם האָט זיך דאָס אַליין געזאָגט [ולכן המשילוהו לשונא. ועל זה קשה דהלא] ס'שטייט [וַיָּשֶׂם ה' דָּבָר בְּפִי בִלְעָם וַיֹּאמֶר שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר, אַז מ'האָט געטון אַ רֶסֶן בְּפִיו זאָגט דאָך די גמרא (סנהדרין שם), ער האָט געמוזט זאָגן [את אשר ישים בפיו].

---

[ח] **במדרש רבה** (דברים א, ב:): **דבר אחר אלה הדברים, זה שאמר הכתוב** (משלי כח, כג) **מוֹכִיחַ אָדָם אַחֲרַי, חֵן יִמְצָא מַמַּחֲלִיק לָשׁוֹן**. רבי פנחס בשם רבי חמא בר חנינא אמר, **מוֹכִיחַ** זה משה, **אָדָם** אלו ישראל, **שנאמר** (יחזקאל לד, לא) **וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם**. מהו **אַחֲרַי**, אמר הקב"ה בשביל להביאן **אַחֲרַי**. **חֵן יִמְצָא** זה משה, דכתיב (תשא לג, יב) **וְגַם מָצָאתָ חֵן בְּעֵינָי**. **מַמַּחֲלִיק לָשׁוֹן** זה בלעם שהחליק בנבואותיו וגבה לבם ונפלו בשיטים. - דבר אחר **מוֹכִיחַ אָדָם אַחֲרַי**, אמר רבי יהודה בן רבי סימון מהו **אַחֲרַי**, אמר הקב"ה כביכול משה הוכיחני אחר ישראל והוכיח לישראל אחרי, לישראל אמר **אַתֶּם חֲטָאתֶם** (תשא לב, ל), להקב"ה אמר (שם לב, יא) **לָמָה ה' יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ**. - [ועיין **ויואל משה** (א, קעו)].

**ובילקוט שמעוני** (סוף רמז תשצג): **דבר אחר, אוהבו של אדם אומר לו השמר בעצמך, אבל שונאו אומר לו אל תתירא**, כדי להפילו. משה אמר (ואתחנן יא, טז-יז) **הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם** וגו' **וְחָרָה אַף ה' בָּכֶם**, דיין הוא, אינו נושא פנים ולא יקח שוחד. משה היה מוכיחן, אבל בלעם הרשע אמר להם אל תיראו, עשו כל מה שאתם מבקשים, תרועת מלך בו, ההוא אמר ולא יעשה, וכששמעו מיד נפלו, שנאמר וישב ישראל בשטים. ושלמה צווח **נֶאֱמָנִים פִּצְעֵי אוֹהֵב** זה משה, **וְנַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא** זה בלעם.

וע"ע **בבעלי התוספות** ריש פרשת דברים, שהביאו כל זה בקצת שינויים והוספות (והובא בויואל משה שם).

KolSatmar.com

האָט ער דען געזאָגט וועגן דעם, ווייל נַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא? ווייל ער האָט געוואָלט?

יט

קושיא יב-יג

בגמרא (ברכות יב:), בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ומפני מה לא קבעוה, משום טורח ציבור.

יב) ויש להבין וכי כל כך טריחא מילתא לומר פרשה זו, עד שבשביל זה נמנעו מלקבוע לומר אותה בכל יום אף שהיה להם טעם בדבר.

יג) וגם ראוי לתת טעם למה באמת רצו חכמים לקבוע זה בפרשת קריאת שמע[ט].

כ

# ישוב הקושיות

דאָס ענין דערפון קען זיין, איך וועל זאָגן בקיצור[י].

כא

בגמרא ומדרשים יש ג' דיעות בפסוק וישם ה' דבר בפי בלעם. א] זה רסן בפיו. ב] זה מלאך שדיבר מפיו. ג] זה הקב"ה

[דהנה בפסוק] **וַיָּשֶׂם ה' דָּבָר בְּפִי בִלְעָם וַיֹּאמֶר שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר** [יש פירושים שונים בדברי חכז"ל].

מילא אין די **גמרא** איז אַ פלוגתא און אין **מדרש רבה**[יא], איינער זאָגט, - [ס'איז דאָ] צוויי מאן דאמרים, - איינער זאָגט מ'האָט געגעבן אַ רֶסֶן בְּפִיו, און איינער זאָגט וַיָּשֶׂם מלאך, אַ מלאך איז געווען בפיו און ער האָט גערעדט, וְכֹה תְדַבֵּר.

אין **מדרש תנחומא**[יב] שטייט נאָך, ס'איז אַ פלוגתא רבי אליעזר מיט רבי יהושע'ן, [און] רבי יהושע זאָגט, **הקדוש ברוך הוא**.

כב

קושיא יד

ויש להבין כוונת המאן דאמר זה הקב"ה, והרי לכל הדיעות היה הכל רק ע"י הקב"ה וכפי רצונו

יד) לכאורה וואָס הייסט הקדוש ברוך הוא אמר, [מה מְחַדֵּשׁ בזה. והלא] אַלדינגס, לכל הדיעות, צי 'רֶסֶן' צי 'מלאך', אַלעס האָט דאָך הקדוש ברוך הוא געטון [וצוה אליו] שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר.

[און] וואָס הייסט הקדוש ברוך הוא אמר, מ'האָט דאָך 'אים' געהייסן זאָגן (ראה עוד להלן קושיא יד).

---

[ט] ואף שבגמרא מבואר הטעם לזה משום דכתיב בה הפסוק כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ, ונזכר בה מענין שכיבה וקימה. אבל כבר הקשה הפני יהושע על זה דהלא מכל מקום יש עוד הרבה פסוקים כעין זה, ועדיין צריך טעם למה רצו לקבוע דוקא פרשה זו, עיי"ש. [והפני יהושע עצמו מתרץ דהטעם משום דבלא"ה היה צד חיוב להזכיר ענין בלק בכל יום כדקאמר מיכה לישראל (מיכה ו, ה) עַמִּי זְכָר נָא מַה יָּעַץ בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וגו'. ועיין בדברי רבינו בענין זה בחידושי תורה תשט"ז בס"ג בלק (עמוד תרא, ד"ה ומדברי הפנ"י)].

[י] רבינו היה ניחר גרונו באותה תקופה, ועלה לו הדיבור בקושי וגם הרופאים צוו עליו למעט בדיבור. ועל כן היה מקצר בהתורות באותן השבועות [עד סוף הקיץ תשי"ח].

[יא] **בגמרא סנהדרין** (קה:): וַיָּשֶׂם ה' דָּבָר בְּפִי בִלְעָם, רבי אלעזר אומר מלאך, רבי יונתן אומר חַכָּה.

**ובמדרש רבה** (בלק כ, יח): וַיָּשֶׂם ה' דָּבָר בְּפִי בִלְעָם, שעיקם פיו ופיקמו, כאדם הקובע מסמר בלוח. רבי אלעזר אומר מלאך היה מדבר, וַיֹּאמֶר שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר.

[יב] **בתנחומא** (בלק סימן יב): וַיָּשֶׂם ה' דָּבָר בְּפִי בִלְעָם, שעקם את פיו ופקמו, כאדם שקובע מסמר בלוח. רבי אליעזר אומר, מלאך היה מדבר. ורבי יהושע אומר, הקדוש ברוך הוא, שנאמר שוב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר.

KolSatmar.com

### כג

### קושיא טו

איך אפשר לומר שכולן חזרו, והלא פסוקי התורה הם נצחיות, וכמו שהרמב"ם חושב בין הראיות מן "התורה" על אמונת ביאת המשיח, עבור שכן מבואר בפסוקי פרשת בלעם. ואם חזרו בהן ולא נתקיימו, איך הביא הרמב"ם ראיה מזה

טו) איך האָב אַסאַך מאָל געשמועסט דערפון, [כי] לעולם ס'איז דאָך אַ פלא [דעס וואָס] די גמרא זאָגט כולן חזרו בהן (כדלעיל אות ט), קומט דאָך אויס אַז די בְּרָכוֹת וואָס שטייט [בפרשתן], די זענען אַלע נישט מקויים געוואָרן [חוץ ממה טובו].

[וזה תמוה, שהרי] וואָס דען, [והלא] די תורה הקדושה איז [דאָך] אַ נצחיות. [און] דער רמב"ם (מלכים יא, א)[יג] ברענגט, די ראיה איז פאַרוואָס אַז מ'איז אַ כופר "בביאת המשיח" הייסט מען אַ כופר "בתורה", ברענגט ער איינס צווישן די ראיות, [ווייל] ס'שטייט אַרויס אין 'די' פרשה [של בלעם, אֶרְאֶנּוּ וְלֹא עַתָּה וגו' דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל וגו'] וְקַרְקַר כָּל בְּנֵי שֵׁת וגו' וְהָיָה אֱדוֹם יְרֵשָׁה, שטייט אַרויס אין די תורה הקדושה אַז אידן וועלן יַרְשְׁ'נען כל העולם, און ס'איז נאָכנישט געווען, מוז דאָך זיין אַז ס'וועט [נאָך] נאָכקומען, ס'וועט זיין ביאת המשיח. ממילא ווער ס'גלייבט נישט [בביאת המשיח], איז ער אַ כופר "בתורה" [שמבואר בה ענין ביאת המשיח בפרשתן ובפרשת נצבים]. [עד כאן דברי הרמב"ם].

### כד

נו אַז איך זאָג אַז דאָס איז אַלעס חזרו בהן, איז דאָך דאָס נישט מקויים געוואָרן, נו וואָס, איז דאָך עס קעגן דער גאַנצער אמונה, [והאיך אפשר לומר כן. ואף שענין הגאולה מבואר בתורה גם בפרשת נצבים, אבל האיך הביא הרמב"ם ראיה גם מכאן].

### כה

נאָר וואָס'זשע דען.

### קושיא טז

להשוות כל הג' דיעות ביחד, דהלא אלו ואלו דברי אלקים חיים

דער מדרש זאָגט דאָ אָט, איינער זאָגט אַ מלאך, איינער זאָגט רסן, [און] איינער זאָגט הקדוש ברוך הוא.

טז) ס'איז דאָך אָבער אַ כלל (עירובין יג:) ביי יעדע פלוגתא, אַז אלו ואלו דברי אלקים חיים. [וא"כ יש להבין בכאן] וויאַזוי איז דאָס עפּעס אלו ואלו דברי אלקים חיים.

---

[יג] **ברמב"ם** (מלכים יא, א): **המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה וכו', וכל מי שאינו מאמין בו או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים בלבד הוא כופר, אלא בתורה ובמשה רבינו, שהרי התורה העידה עליו, שנאמר** (דברים ל, ג-ה) **וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ וגו' אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם וגו' וֶהֱבִיאֲךָ ה', ואלו הדברים המפורשים בתורה הם כוללים כל הדברים שנאמרו על ידי כל הנביאים. אף בפרשת בלעם נאמר, ושם נִבָּא בשני המשיחים, במשיח הראשון שהוא דוד שהושיע את ישראל מיד צריהם, ובמשיח האחרון שעומד מבניו שמושיע את ישראל באחרונה ושם הוא אומר אֶרְאֶנּוּ וְלֹא עַתָּה זה דוד, אֲשׁוּרֶנּוּ וְלֹא קָרוֹב זה מלך המשיח. דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב זה דוד, וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל זה מלך המשיח. וּמָחַץ פַּאֲתֵי מוֹאָב זה דוד, וכן הוא אומר** (שמואל ב' ח, ב) **וַיַּךְ אֶת מוֹאָב וַיְמַדְּדֵם בַּחֶבֶל, וְקַרְקַר כָּל בְּנֵי שֵׁת זה המלך המשיח, שנאמר בו** (זכרי' ט, י) **וּמָשְׁלוֹ מִיָּם עַד יָם. וְהָיָה אֱדוֹם יְרֵשָׁה זה דוד, שנאמר** (שמואל ב' ח, יד) **וַתְּהִי אֱדוֹם לְדָוִד לַעֲבָדִים וגו' וְהָיָה יְרֵשָׁה וגו', זה המלך המשיח, שנאמר** (עובדי' א, כא) **וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן וגו'.**

**ובפירוש המשניות** (סנהדרין י, א) **כשחושב הי"ג עיקרים, כתב בעיקר הי"ב וז"ל: היסוד השנים עשר, ימות המשיח. והוא להאמין וּלְאַמֵּת שֶׁיָּבֹא, ולא יחשב שיתאחר, אם יתמהמה חכה לו וכו', ושיאמין שיהיה לו יתרון ומעלה וכבוד על כל המלכים שהיו מעולם, כפי מה שנבאו עליו כל הנביאים ממשה רבינו ע"ה עד מַלְאָכִי ע"ה. ומי שהסתפק בו או נתמעט אצלו מעלתו, כפר בתורה, שיעד בו בתורה בפירוש בפרשת בלעם ופרשת אַתֶּם נִצָּבִים וכו'.**

KolSatmar.com

### כו
### הקדמה לישוב **קושיא טז**

ונראה דהוא על דרך שמובא בגמרא כמה טעמים על כוונת אסתר במה שהזמינה את המן לסעוד עם אחשורוש, והעיד אליהו הנביא שכולם אמת, ולכל הטעמים נתכוונה אסתר

**נאָר** [הענין הוא] **לעולם** [ווי] **די גמרא זאָגט**[יד] **ביי די סעודת אסתר** [שזימנה את הָמָן להסעודה], **יעדער** [תנא ואמורא] **האָט געזאָגט אַן אַנדערן טעם** [למה זימנה אותו], **האָט מען געפרעגט אליהו'ן** [לאיזה טעם באמת כיוונה אסתר], **האָט ער געזאָגט כּכולהו תנאי וכּכולהו אמוראי, אַלעס איז אמת.**

### כז
### [ישוב **קושיא טז**]

וכמו כן הכא היה כּכולהו תנאי (וכדלקמן באות לב)

[וכן בהפסוק וַיָּשֶׂם ה׳ דָּבָר בְּפִי בִלְעָם, היה כּכולהו תנאי, כי היה שם רֶסֶן, וגם מלאך, וגם הקב"ה עצמו אמר בפיו כל אלו הדיבורים של הברכות, מלבד מה שהמלאך אמר כן וגם בלעם עצמו אמר כן על ידי רסן שבפיו]. (וכדלקמן בדברי רבינו באות לב)

### כח
### הקדמה לישוב **קושיא יד**

וכן מצינו בברכות שבירך יצחק ליעקב, שאמרו במדרש דשכשם שבירכו יצחק מלמטה כך בירכו הקב"ה מלמעלה

**אַזוי געפינט מען** [אויך], **ס'שטייט אין מדרש רבה**[טו], **ווען יצחק אבינו האָט געבענטשט יעקב'ן די בְּרָכוֹת, די זעלבע בְּרָכוֹת וואָס יצחק אבינו האָט געזאָגט דאָ אָט** [למטה בארץ], **האָט מען געזאָגט אויבן בשמים, הקדוש ברוך הוא ברכו** [מלמעלה].

### כט

וכן אמרו בברכת כהנים, דבשעה שהכהנים מברכים את ישראל, מברך אותם הקב"ה מלמעלה באלו הברכות

**ביי ברכת כהנים שטייט אויך**[טז], **הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** (נשא ו, כג-כז), **האָבן אידן געזאָגט,** [להכהנים] **אתה אומר לברכנו? אין אנו**

---

[יד] **בגמרא מגילה** (טו:): תנו רבנן, מה ראתה אסתר שזימנה את המן, **רבי אליעזר** אומר פחים טמנה לו וכו׳. **רבי יהושע** אומר מבית אביה למדה, שנאמר (משלי כה, כא) אִם רָעֵב שֹׂנַאֲךָ הַאֲכִלֵהוּ לָחֶם. **רבי מאיר** אומר כדי שלא יטול עצה וימרוד [פירש"י: וימרוד במלך, שהיתה שעתו מצלחת]. **רבי יהודה** אומר כדי שלא יכירו בה שהיא יהודית. **רבי נחמיה** אומר כדי שלא יאמרו ישראל אחות יש לנו בבית המלך ויסיחו דעתן מן הרחמים. **רבי יוסי** אומר כדי שיהא מצוי לה בכל עת. **רבי שמעון בן מנסיא** אומר אולי ירגיש המקום [שאף אני מקרבת שונאיהן של ישראל, אי נמי ירגיש שאני צריכה להחניף רשע זה ולזלזל בכבודי], ויעשה לנו נס. **רבי יהושע בן קרחה** אומר אסביר לו פנים כדי שיהרג הוא והיא, [שיחשדני המלך ממנו, ויהרוג את שנינו, (נ"א וכי גזרי גזירה ומית חד מינייהו בטל גזירה)]. **רבן גמליאל** אומר מלך הפכפכן היה [וחוזר בדיבורו, אמרה שמא אוכל לפתותו ולהורגו, ואם לא יהא מזומן תעבור השעה ויחזור בו]. אמר רבן גמליאל עדיין צריכין אנו למודעי, דתניא **רבי אליעזר המודעי** אומר קנאתו במלך קנאתו בשרים. **רבה** אמר לִפְנֵי שֶׁבֶר גָּאוֹן (משלי טז, יח). **אביי ורבא** דאמרי תרוייהו בְּחֻמָּם אָשִׁית אֶת מִשְׁתֵּיהֶם וגו׳ (ירמי׳ נא, לט) [על בֵּלְשַׁצַּר וסיעתו נאמר, בשובם מן המלחמה, שֶׁדָּרְיָוֶשׁ וְכוֹרֶשׁ היו צָרִין על בבל וְנִצְּחָן בֵּלְשַׁצַּר אותו היום, והיו עייפים וְחַמִּים, וישבו לשתות ונשתכרו, ובאותו היום נהרג, ואף אסתר אמרה מתוך מִשְׁתֵּיהֶן של רשעים באה להם פורענות]. - אשכחיה רבה בר אבוה **לאליהו**, אמר ליה כמאן חזיא אסתר ועבדא הכי, אמר ליה **כּכולהו תנאי וכּכולהו אמוראי.**

[טו] **במדרש רבה** (וישלח עה, ח): אשריהם הצדיקים שמתברכין בארץ ומתברכין בשמים, שנאמר (ישעי׳ סה, טז) אֲשֶׁר הַמִּתְבָּרֵךְ בָּאָרֶץ יִתְבָּרֵךְ בֵּאלֹקֵי אָמֵן. להודיעך שכל הברכות שבירך יצחק את יעקב, כנגדו ברכו הקב"ה מלמעלה וכו׳. וכי מאחר שברכו הקב"ה, אביו למה חזר וברכו וכו׳, אלא שראה יצחק ברוח הקודש שעתידין בניו להגלות לבין האומות, אמר לו בא ואברכך ברכות של גליות שיחזור עליך הקב"ה ויקבצך מבין הגליות וכו׳.

[טז] **בתנחומא** (נשא, ח): דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וגו׳ כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. אמר הקב"ה מתחלה אני הייתי מברך בריותי, מכאן ואילך הרי הברכות מסורות לכם ותהיו מברכין את בני ישראל וכו׳ אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם לכהנים אתה אומר שיברכו אותנו, אין אנו צריכין אלא לברכתך ולהיותנו מתברכין מפיך שנאמר (תבא כו, טו) הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ, אמר להם הקב"ה אף על פי שאמרתי לכהנים שיהו מברכין אתכם, אני עומד עמהם ומברך אתכם, לפיכך הכהנים פורשין את כפיהם, לומר שהקב"ה עומד אחרינו וכן הוא אומר הוא אומר (שה"ט ב, ט) הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ מַשְׁגִּיחַ מִן הַחַלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים, מה בין אצבעות של כהנים, מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים בשעה שפושטין כפיהם, לכך נאמר כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. - [וכן הוא **במדרש רבה** (נשא יא, ב)].

KolSatmar.com

מְצַפִּים אלא לברכתך! אונז וויל מיר די ברכה פון הקדוש ברוך הוא. האָט הקב"ה געזאָגט, [ווען] 'זיי' [הכהנים] וועלן זאָגן, וועל 'איך' אויך זאָגן, [ועל זה נאמר] 'וְשָׂמוּ' אֶת שְׁמִי עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל "וַאֲנִי" אֲבָרְכֵם, וזהו שנאמר כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

**ל**

[ומה שקשה לכאורה] וויאַזוי איז געדרינגען פון כֹּה תְבָרְכוּ [אַז] הקב"ה בענטשט?

[יש לומר, כי] "כֹּה" איז טייטש ס'איז 'אַזוי ווי' דעס, זייער ברכה [של הכהנים] איז נאָר אַ 'דמיון' צו דעם וואָס הקדוש ברוך הוא בענטשט.

**לא**

ואמירת הכהנים הוא רק לעשות איתערותא דלתתא, לעורר עובדא לעילא,
אבל עיקר השפעת הברכה הוא ממה שהקב"ה בעצמו אומר הברכות דברכת כהנים

[ואם תאמר אם הקב"ה מברך למה הוצרכו לברכת "הכהנים". אמנם ביאור הענין, ווייל] ס'איז דער רצון הבורא ברוך הוא [שיעשו אתערותא דלתתא לעורר עובדא לעילא], **אַזוי גייט די וועלט, מיט אתערותא דלתתא, אַזוי קומט אתערותא דלעילא** (זוהר ח"א פח. ועוד)[יז].

אָבער דער אמת, [השפעת] **ברכת כהנים איז וואָס "הקדוש ברוך הוא" זאָגט,** [נאָר] די "כהנים" ברויכן זאָגן [כי לעורר עובדא לעילא שיתברכו מפי הקב"ה].

**לב**

**ישוב קושיא יד, וקושיא טו**

כל הג' פירושים נצרכו כאן, א] שבלעם עצמו יאמר הברכות ע"י רסן שבפיו, כדי שגם האומות יסכימו להברכות. ב] שגם המלאך יאמר כן מפיו (לעורר עובדא לעילא). ג] שהקב"ה עצמו יאמר הברכות, כי זהו עיקר השפעת וקיום הברכות לנצח

די זעלבע זאַך איז געווען דאָ.

דער אמת, די אַלע בְּרָכוֹת [שבפרשת בלעם] האָט "הקדוש ברוך הוא" געזאָגט, און דאָס ברויך גיין דורך אַ "מלאך" אויך [פון] פריער[יח], און וואָס "ער" [בלעם] אַליין זאָל אויך זאָגן [בעל כרחו ע"י "רסן" שבפיו].

[והטעם שהוכרח גם בלעם לברך, כדי] ס'זאָל זיין **בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים** (עקב ז, יד), [וכמו שפירשו הכוונה שתהיה מבורך מפי כל העמים][יט], די אומות העולם זאָלן אויך מסכים זיין, [כדי שלא יהיה קטרוג על זה].

אָבער ס'איז אַלעס אמת געווען, די זעלבע בְּרָכוֹת האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט, אַזוי ווי ס'שטייט אין **מדרש תנחומא** [דלעיל (אות כ) בדברי ר' יהושע].

**לג**

**ישוב קושיא טו, וקושיא ח**

רק הברכות של אמירת בלעם חזרו בהן לקללה, אבל הברכות של אמירת
הקב"ה הם ברכה נצחיות, והן הן אותן הברכות שנכתבו בהתורה

נאָר 'ער' האָט גאָר [בלבו] געוואָלט מקלל געווען, [וממילא] **בלעם'ס בְּרָכוֹת זענען** געווען "חזרו בהן". אָבער דעס וואָס הקב"ה האָט געזאָגט, דעס איז אַ "נצחיות".

---

[יז] ועיין ענין זה **בדברי יואל** תולדות (עמוד תקנו ועמוד תרסב) לענין הברכות שבירך יצחק את יעקב.

[יח] כנראה דהוא מטעם אתערותא דלתתא. והיינו דכיון שבלעם היה טמא ומטומא, הוצרך שיהיה בפיו מלאך קדוש לעורר עובדא לעילא. כי גוי אין מעשיו מעלין ומורידין לעורר עובדא לעילא, אבל ע"י שהמלאך ירד לארץ ונכנס לתוך פיו כאן למטה, היה בכחו לפעול אתערותא דלתתא. ולזה ממשיך רבינו לבאר דא"כ מה היה צורך באמירת בלעם עצמו, כי אין לומר שהיה זה לעורר עובדא לעילא כמו שאמרנו בברכת כהנים ובברכת יצחק, ולזה מתרץ שזהו בכדי שגם האומות יסכימו לברך את ישראל, ולא יקטרגו על זה.

[יט] וכמבואר **במדרש רבה** (עקב ג, ו): בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל הָעַמִּים, אמר רבי חייא בר אבא, אין שבחה של מטרונא בשעה שמתקלסת מקרובותיה, אלא בשעה שמתקלסת מצרותיה.

[און] ווען מ'האָט געגעבן די תורה הקדושה, מ'האָט [עס] געשריבן [אין] די תורה הקדושה, האָט מען אַריינגעשריבן דעס וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט.

**לד**

**בלעם האָט אויך געזאָגט די זעלבע, און 'דעס' איז געוועזן חזרו בהן.**

**אָבער וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט, דעס איז אַ נצחי.**

[ונמצא דשפיר הביא הרמב"ם מכאן ראיה מן 'התורה' על אמונת ביאת המשיח (ומיושב קושיא טו). וכן שפיר היה תועלת בכל אלו הברכות שאמר בלעם, כי באותה שעה אתער עובדא לעילא שנתברכו ישראל כך מפי הקב"ה, ואותן הברכות הם נצחיים ולא חזרו בהן (ומיושב קושיא ח)[ל]]. (ראה גם להלן אות מו)

**לה**

[איי] פאַרוואָס מ'האָט געברויכט [אמירת בלעם]? **עמקו מחשבותיו יתברך שמו!**

(ועיין עוד באות כב ד"ה והטעם)

**לו**

**ישוב קושיא י**

נאָר דעס וואָס שטייט [בגמרא וכולן] חזרו בהן, לכאורה איז דאָך אַ סתירה [לזה, שהרי] אין מדרש שטייט דאָך אַז ס'איז געבליבן דערפון [ומזה ישראל אוכלין בעולם הזה].

**לז**

מה שאמר הקב"ה הוא ברכה נצחיית תמיד, ואף לעתיד לבא. ומה שאמר בלעם הוא דבר המתהפך מברכה לקללה ומקללה לברכה, לפי מצב הדור. יען כי באמירתו היה ברכות, ובמחשבתו היה קללות.

**נאָר וואָס דען, דער אמת, דעס וואָס הקדוש ברוך הוא זאָגט איז אַ נצחיות.**

[אָבער] **בלעמ'ס** זאָגן, סיי די ברכות סיי די קללות, איז נישט קיין נצחיות, ס'איז אַ **דבר המתהפך.**

**לח**

און די "בְּרָכוֹת" האָט ער דעך דאָך 'געזאָגט', נאָר די 'מחשבה' איז געוועזן "שלעכט", [ממילא] ליגט אַ גיפט אין דעם, אין די ברכות. [וממילא יש בזה צד ברכה, וצד קללה ח"ו].

און וועלעכס ס'איז גובר? דאָס איז שוין תלוי אין די מעשים.

**לט**

דער כלל איז דאָך, ביי יעדן קטרוג, ביי יעדע זאַך, [אַז] ס'קען זיין דערינען לטובה אָדער חס ושלום פאַרקערט. [און] דאָס זענען די מעשים גורם [כי הם תלויים לפי הכרעת הזכיות והחובה].

**מ**

ובכל דור יש איזה זכותים בישראל, וממילא הם נהנין בעולם הזה מן צד הברכה של ברכת בלעם. וכשיש עונות ח"ו יש ג"כ בחינה של חזרו בהן לקללה ח"ו. ואם כן אין סתירה בין דברי הגמרא לדברי המדרש.

איבערדעם, אַז ס'איז דאָ עפּעס "זכותים" צווישן אידן, ווערט נמשך דער כח פון די "בְּרָכוֹת". און חלילה פאַרקערט, איז 'דער' כח, די קללות.

איז ווידעראום ווייטער פאַרקערט? [איז] אַזוי ווי ס'איז געוועזן [הברכות] חזרו בהן, זענען די קללות אויכעט חזרו בהן. דאָס איז אַ **דבר המתהפך.**

---

[ל] ולהלן יתבאר עוד דגם הברכות של בלעם עצמו, לא חזרו בהן בהחלט, אלא הם כדבר המתהפך פעם לברכה ופעם לחזרה, ותלוי לפי זכותי הדור. ואם כן שפיר יש זמנים עד היום, שיש תועלת בברכתו של בלעם (וכדרך שאמרו במדרש דכל מה שנהנים בעולם הזה הוא מברכתו של בלעם). ולפי זה מיושב קושיא ט' עוד באופן ב'.

KolSatmar.com

מא

איבערדעם, ס'איז דאָך אַלץ דאָ עפּעס מעשים טובים צווישן אידן, ווערן נמשך די בְּרָכוֹת. [ומזה ישראל אוכלין בעולם הזה, וכדברי המדרש בפרשת עקב].

און חלילה אַז ס'איז אַ קטרוג, מ'זינדיגט, ווערט נמשך דער כח הקללה וואָס ס'ליגט אין בלעם'ס בְּרָכוֹת. [ועל זה אמרו בגמרא שכולן חזרו בהן].

מב

איבערדעם איז רעכט וואָס דער מדרש זאָגט, וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן וועט זיין וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' [לעתיד לבא, ועד אָז] וועט מען נהנה זיין פון די בְּרָכוֹת פון בלעם'ן.

ווידער פאַרקערט אויך די זעלבע [שכולן חזרו בהן כדברי הגמרא].

מג

ישוב קושיא ט

[וכמו כן מיושב מה שבמקום אחר אמרו במדרש הלשון שנתהפכו "הקללות" לברכות, דמשמע שכל הברכות מתקיימים ולא חזרו בהן, דזה קאי על הזמן שהדור הוא כראוי, שאז מתקיימת צד הברכה של 'אמירת' בלעם בכל הברכות האלו. ומה שאמרו בגמרא דרק ברכה אחת נשאר אבל השאר חזרו בהן, זה מיירי בזמן שאין הדור ראוי, שאז מתגבר ח"ו צד 'המחשבה' של בלעם].

מד

ישוב קושיא יא

[וכן יובן בזה משל האוהב והשונא המובא במדרש פרשת דברים, דאע"פ שהקב"ה שם רסן בפיו והיה מוכרח לדבר מה שדיבר, מ"מ יען שבמחשבתו היה לקללם הכניס בזה ארס בברכותיו, על כן המשילו אותו לשונא (חידושי תורה). וגם שבמחשבתו התכוון לפשטים כאלו בתוך דיבוריו, שיחטאו ישראל בחושבם שהם בני המלך ולא יקפיד עליהם, להיפך ממה שאמר משה הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם, ועי"ז הכניס בהם מחשבות כאלו, וגבה לבם ונפלו בשטים (ע"פ דברי רבינו במקומות אחרים)].

מה

ישוב קושיא ו-ז

(עד אחר אות נ)

נאָר פאַרוואָס די 'איינע' "ברכה" פון די בתי כנסיות ובתי מדרשות, [לא חזרה בה] (קושיא ז).

מו

עניני הגלות הוא מהשפעת ברכת בלעם כמו שאמרו במדרש, וזהו דבר המתהפך כאמור,

אבל לעתיד יתקיים רק הברכות שמפי הקב"ה, שהם נצחיים וקיימים תמיד

לאָמיר זען. [דהנה] די אַלע עניני הגלות וואָס ס'איז נתהפך [פעם כך ופעם כך], דאָס שטאַמט פון [ברכת] בלעם'ן.

אָבער דעס וואָס ס'וועט זיין לעתיד, וועט דאָך בלייבן נאָר, נאָר די בְּרָכוֹת פון הקדוש ברוך הוא. דעס איז אַ "נצחיות", [און] 'דאָס' שטייט אין די תורה הקדושה.

(ראה לעיל אות לג-לד)

מז

ועניני הגלות והצרות ישתכח לגמרי לעתיד לבא, ולא ישאר מהם רושם

[און] די אַלע צרות פונעם גלות, די וועלן דאָך פאַרגעסן ווערן, [וכמו שמבקשים][כא] וְכָל חַטֹּאת בֵּית יִשְׂרָאֵל [תַּשְׁלִיךְ] בִּמְקוֹם אֲשֶׁר לֹא יִזָּכְרוּ וְלֹא יִפָּקְדוּ וְלֹא יַעֲלוּ עַל לֵב לְעוֹלָם, [וכמו שאמרו][כב] יום טוב משכח יום רעה (תדבא"ר פ"א), ס'וועט פאַרגעסן ווערן.

---

[כא] מנוסח התפילה ביהי רצון לאחר פרשת העקידה, ובסליחות, ובפיסקא מִיכָה עַבְדְּךָ אָמַר לְפָנֶיךָ (שבליל יו"כ), והוא על פי הפסוקים במיכה (ז, יט) וישעי' (סה, יז).

וועז מ'העט די זכיה געהאַט מ'זאָל דבוק זיין אין הקדוש ברוך הוא, אין דרך התורה, אין דרך האמת, וועל מיר זוכה זיין [צו דערלעבן] די ימים הבאים, די ימי הגאולה, - מ'זאָל מיר זוכה זיין מ'זאָל זיין 'דערביי', מ'זאָל חלילה נישט נדחה ווערן, - דעמאָלטס ווערט דאָך אַלעס נשכח.

מח

דאָס איז געווען בלעם'ס כוחות, די אַלע ברכות מיט די קללות [שלו] דאָס איז "דערווייל" [בעולם הזה, ווען] מ'איז אין גלות. [אָבער] דערנאָך וועט אַלעס נשכח ווערן.

מט

אבל ברכת בתי כנסיות ובתי מדרשות זה נוגע גם על לעתיד, כי עתידין שיקבעו בארץ ישראל ובמקום המקדש

נאָר **בתי כנסיות ובתי מדרשות**, דעס איז אַ זאַך וואָס ס'וועט נישט פאַרגעסן ווערן קיינמאָל [ואף לעתיד לבא].

פאַרוואָס. [ווייל] די **גמרא** זאָגט דאָך[כג] עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו **בארץ ישראל**. [און] ס'זעט דאָך גאָר אויס [שיקבעו] אויפן **הר הבית**, [אַזוי] זעט אויס אין די גמרא, [וואָרן] איך לערן דאָך עס אַרויס [דורך] אַ קל וחומר פון הר תבור [וכרמל, ומבואר במדרש[כד] דעתידין לבנות "בית המקדש" על גביהם, ולא רק שיקבעו 'בארץ ישראל'][כה].

ממילא אַז [הבתי כנסיות ומדרשות] דאָס וועט אַלעס זיין בארץ ישראל [לעתיד לבא], קומט אויס חלילה ווען ס'איז אַ זמן אַז ס'איז נישטאָ, 'ווען' [אימער] ס'איז נישטאָ קיין בתי כנסיות ובתי מדרשות, איז דאָך נישטאָ 'וואָס' ס'זאָל מיטגיין, וועט זיך דאָס 'שפירן' אפילו דעמאָלטס אויכעט.

נ

ולכן ברכה זו לא רצה הקב"ה למנוע בשום פעם מחמת מחשבת בלעם, ואפילו בזמן הגלות, כיון שהוא דבר הנוגע גם לעתיד

איבערדעם, דעס האָט הקדוש ברוך הוא נישט געלאָזט מונע זיין פון אידן אפילו אין גלות, וואָרן דעס איז דאָך דעס זעלבע וואָס ס'וועט זיין **לעתיד**, לעתיד וועט דאָך דאָס זיין אויפן מקום המקדש אין ארץ ישראל, די אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות [שבזמן הגלות]. און אַ זאַך וואָס ס'וועט זיין **דעמאָלטס**, האָט הקדוש ברוך הוא נישט איבערגעלאָזט פאַר בלעם, נישט צוגעלאָזט בלעם'ן גאָרנישט טון.

---

[כב] **בתנא דבי אליהו** (רבה, פרק א): **גָּלְמִי רָאוּ עֵינֶיךָ** [וְעַל סִפְרְךָ כֻּלָּם יִכָּתֵבוּ] וגו' (תהלים קלט, טז), **מה תלמוד לומר**, עתיד הקב"ה לישב בבית המדרש הגדול שלו וצדיקים יושבים לפניו ואומר להם בני דור פלוני כך עשה תורה וכך עשיתי עמו צדקה, ואדם פלוני כך עשה תורה וכך עשיתי עמו צדקה, אבל איני זוכר עונותיו ואינן עולין על לבי, שנאמר (ישעי' מג, יח) **אַל תִּזְכְּרוּ רִאשֹׁנוֹת וגו'**, ואומר (שם סה, יז) **וְלֹא תִזָּכַרְנָה הָרִאשֹׁנוֹת וגו'**. **יָמִים יֻצָּרוּ וְלֹא אֶחָד בָּהֶם** (תהלים שם), זה יום השבת לישראל, כיצד אדם עושה מלאכה כל ששה וְנָח בשביעי, נתרצה עם בניו ועם בני ביתו. שוב אדם עושה מלאכה בפני אויביו כל ששה ימים, ונח בשביעי, שוכח כל צער שהיה לו. **כך הוא מדתו של אדם, יום טובה משכח יום רעה יום רעה משכח יום טובה.**

[כג] **בגמרא מגילה** (כט.): תניא רבי אלעזר הקפר אומר, עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל, שנאמר (ירמי' מו, יח) **כִּי כְּתָבוֹר בֶּהָרִים וּכְכַרְמֶל בַּיָּם יָבוֹא**, **והלא דברים קל וחומר, ומה תבור וכרמל שלא** באו אלא לפי שעה ללמוד תורה, נקבעים בארץ ישראל, **בתי כנסיות ובתי מדרשות** שקורין ומרביצין בהן תורה **על אחת כמה וכמה.**

[כד] **בפסיקתא דרב כהנא** (כא, ד): ר' פנחס בשם ר' ראובן אמר, עתיד הקב"ה להביא סיני ותבור וכרמל ולבנות בית המקדש על גבי ראשיהם, ומה טעם, **וְהָיָה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים נָכוֹן יִהְיֶה הַר בֵּית ה' בְּרֹאשׁ הֶהָרִים** (ישעי' ב, ב). [והוא **בילקוט שמעוני ישעי'** (רמז שצא)]. **ובמדרש תהלים** (מזמור פז): **דבר אחר יְסוּדָתוֹ בְּהַרְרֵי קֹדֶשׁ** (תהלים שם, א). יסודתו של עולם בזכות שני הרים של קדושה, הר סיני והר המוריה.

[כה] עיין זה **בחידושי תורה למסיבות** (עמוד תיז, ובדברי יואל תרומה עמוד רלג) **מליל ש"ק תרומה תשי"ד, ובדרשת הושענא רבה תשכ"ה** (בפיסקא הר המוריה) **נדפס בדברי יואל להר"ר אות קלב, ובדברי יואל** (ויצא עמוד עו, שמות עמוד פט, תנינא שופטים עמוד כח, תבא עמוד שצד תטו, ולחג השבועות אות נד ד"ה ואמנם).

נאָר אין די זמני הגלות וואַרפט זיך די כוחות, די כוחות הטומאה, דער כח פון בלעם'ן, פון די אומות העולם, בלייבט פון דעם אויך [מברכותיו של בלעם]. אָבער לעתיד וועט דאָס אַלעס בטל ומבוטל ווערן.

ממילא חלילה אַז ס'וועט נישט זיין קיין בתי כנסיות ובתי מדרשות אַמאָל, וועט דאָך דאָס פעלן [אויך] אויף לעתיד, דאָס איז דאָך דעס זעלבע פלאַץ וואָס ס'וועט זיין דאָרט אין מקום המקדש, ס'איז דאָך דעס זעלבע וואָס לעתיד, און דעס וואָס ס'וועט זיין לעתיד האָט דער בורא כל עולמים נישט געגעבן פאַר בלעם'ן, דאָס האָט דער בורא כל עולמים אַליין געטון.

**נא**

ומהאי טעמא לא חזרה ברכה זו. [ומפאת חילוק זה ידעו החכמים שהברכה "האחת" שבפסוק, הכוונה על ברכת מה טובו]

איבערדעם איז ביי די אַלע קללות [שחזרו בהן, איז לעומת זה] וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ [אֶת 'הַקְּלָלָה' לִבְרָכָה, תמיד], דעס 'איינע' האָט מען נישט צוגעלאָזט. [ומסברא זו גופא למדו חכמינו ז"ל, שאותה הקללה האחת שנהפך לגמרי לברכה תמיד, הוא ברכת מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב. כי רק ברכה זו נוגע גם על לעתיד לבא].

**נב**

**[קושיא ג]**

המפרשים הקשו על משל הצרעה המובא ברש"י, שאומרים לה "לא מדובשך ולא מעוקצך".
דאין המשל דומה לנמשל, דבכאן אם יברכם אין כאן רק דבש ולא עוקץ

דאָס איז דער פשט [בדברי רש"י], **מָשָׁל אוֹמְרִים לְצִרְעָה לֹא מִדּוּבְשֵׁךְ וְלֹא מֵעוּקְצֵךְ.**

זיי פרעגן דאָך די קשיא, ווען ער זאָל ווען בענטשן, איז דאָך עס נאָר "דבש", נישט קיין "עוקץ". פאַרוואָס איז דאָס **לא מדובשך ולא 'מעוקצך'**.

דאָס **משל איז נישט דומה לנמשל**. [דבהמשל יש גם עוקץ מלבד הדבש].

**נג**

**ישוב קושיא ג**

אבל לפי האמור ניחא, כי אף שאמר בפה הברכות, אבל במחשבה היה בלבו קללות,
וזה גרם מה שהברכות חזרו בהן מברכה לקללה ח"ו, ונמצא דשפיר יש 'עוקץ' בברכותיו

נאָר וואָס דען, ס'איז דער אמת טאַקע [גם בהנמשל].

וואָרן די גמרא זאָגט דאָך טאַקע אַז די אַלע ברכות זענען געווען חזרו לקללות, [והטעם כמו שאמרנו] וואָרן אפילו אַז ער בענטשט [באמירת פיו], **אָבער 'אינזין'** [במחשבתו] האָט ער דעם היפוך, [און] 'די' **מחשבה** שאָדט, זענען דאָך זיינע ברכות [יש בהם גם עוקץ ולא רק דבש, שהרי] פון זיינע ברכות לאָזט זיך אויס קללות, ס'וואַרפט זיך [מברכה לקללה ומקללה לברכה, כי הגם] מ'האָט עפּעס פון די בְּרָכוֹת (כדלעיל בישוב קושיא ח), [אָבער] מ'האָטביידע, ס'איז טאַקע "דובשך" מיט "עוקצך".

איבערדעם איז דאָס משל דומה לנמשל.

**נד**

**הקדמה לישוב קושיא א** (עד אחר אות נח)

איבערדעם קען זיין דער פשט [בכוונת המדרש שבקושיא א].

אַ כלל גדול איז, אַסאַך מאָל כאַפּט אָן דער מדרש אַ פסוק [ועיקר הכוונה על הסיפא].

(המשך וסיום הענין באות מז, ותחלה חוזר להשלים עוד בענין דלעיל, כדי להקדים עוד הקדמה לישוב קושיא א)[כו]

---

[כו] גם יתכן שנחסר כאן קצת מן הריקאָרדינג (כן משמע קצת שם).

נה
**ישוב קושיא ב**

להבין אומרו "אם כן אברכם", וכי הברכה והקללה שוים אצלו, דאם לא יוכל לקלל ירצה לברך

**איבערדעם קאָן זיין,** [שמיושב מה דלכאורה קשה עוד על דברי רש"י][כז]**, קודם האָט מען געזאָגט לֹא תֵלֵךְ** [עִמָּהֶם] **לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא,** [יען כי היה ברצונו לקללם]**, און "שוין" איז דער** [אם כן] **"אברכם"?**

**נאָר וואָס דען** [לפי האמור ניחא, כי באמת גם כשאמר "אם כן אברכם", היה בדעתו לגרום בזה קללה ח"ו ע"י מחשבתו, וכמו שעשה לבסוף]**.**

נו
**הקדמה לישוב קושיא א**

במאמר "לא תאור" את העם, רמוז בעצם גם ענין זה שלא יקללם אפילו 'במחשבה' לבד כשיברך אותם. אבל יען שיש מקום לפרשו על קללה 'שבאמירה', לכן הוסיף הכתוב "כי ברוך הוא", שאף לא יברכם באופן זה, ובזה גילה הכתוב שגם זה רמוז באומרו "לא תאור"

[ונמצא] **דער "אברכם"** [מה שלא יעשה כן]**, ליגט טאַקע אין דעם** [לשון] **"לא תאור". וואָרן זיינע "ברכות" זענען דאָך שוין געווען חזרו בהן 'לקללות', דורך דער מחשבה, איז לֹא תָאֹר מכל מקום, אפילו דורך ברכות זאָלסטו זיי אויך נישט שעלטן.**

**אפילו ס'גייט מיט ברכות,** [דנמצא] **האָט מען דאָך אַמאָל הנאה דערפון אויך, בין כך ובין כך איז דאָך דאָ זמנים וואָס דורך מצות ומעשים טובים איז עס נתרבה** [הזכות ומתהפך לברכה]**, איז דעך דאָך דאָ אַ כח פון "ברכות" דערינען אויך, אָבער ס'איז דאָ דערינען חלילה 'חזרו בהן לקללה' אויכעט, ס'איז מתהפך, ליגט דאָס אויך אין דעם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם, טאַקע דער אֲבָרְכֵם ליגט דאָ, ווייל ס'איז דאָ דערינען אַ קללה** [ע"י מחשבתו]**.**

נז

[נאָר] **ווייל 'אַזוי'** [אם היה נאמר רק לֹא תָאֹר] **העט איך געוואָלט מיינען אַז מ'מיינט טאַקע** [לשלול] **נאָר די ריינע קללות, אַז ס'שטייט אָבער כִּי בָרוּךְ הוּא,** [וכפירש"י שאמר לו] **אינם צריכין "לברכותך", איז געדרינגען אַז ער מיינט** [לשלול] **"ברכות" אויך, האָט ער געזאָגט כִּי בָרוּךְ הוּא, זיי זענען נתברך מן השמים וואָס "הקדוש ברוך הוא" זאָגט, און דעס איז אַ קיום נצחי.**

נח
**ישוב קושיא א**

כשהמדרש מביא פסוק לדורשו, יתכן שהכוונה על הסיפא של הפסוק, אף שלא מובא לשון הסיפא בהמדרש

**איבערדעם קען זיין דער פשט אין מדרש** [שבקושיא א]**.**

**דער כלל איז דאָך, אַסאַך מאָל ברענגט דער מדרש אַ פסוק** [רק מלשון תחילת הפסוק]**, אָבער ער מיינט** [לדרוש] **דעם 'אויספיר'** [=הסיפא של הפסוק, אף שלא הוזכר לשון הסיפא בהמדרש]**.**

**ער דער זיקוקין** [דנורא] **אויפן תנא דבי אליהו גייט דאָך כסדר מיט דעם, ער** [התנדב"א] **ברענגט אַסאַך מאָל פסוקים** [וואָס] **מ'ווייסט נישט וואָס ער וויל, זאָגט ער** [הזיקוקין] **מ'זאָל קוקן דעם 'אויספיר' פונעם פסוק** [וכנרמז בלשון] **"וגומר", וועט מען וויסן וואָס ער מיינט. ער** [התנדב"א] **איז מזכיר דעם** [אָנהייב] **פסוק פונעם אויספיר,** [אָבער] **ער מיינט דעם גאַנצן פסוק.**

---

[כז] המובא לעיל באות ג.

**נט**

וכן בכאן כשאמרו במדרש דיען שבלעם היה כגונב דעת העליונה, על כן נאמר לו "לא תאור את העם",
הכוונה על הסיפא דעל כן נאמר לו לא תאור את העם "כי ברוך הוא", שלא ילך אפילו לברכם

איבערדעם איז רעכט, דער לֹא תָאֹר אֶת הָעָם [המובא במדרש שבקושיא א], אַז מ׳קוקט דעם [אויספיר] "כִּי בָרוּךְ הוּא", ליגט דאָך אין דעם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם, אַז קיין ברכות אויך נישט, ווייל ס׳שטייט כִּי בָרוּךְ הוּא, אַז "אינם צריכין לברכותיו", ליגט דאָך אין דעם אַז אפילו נישט קיין "ברכות" [הורשה לו לומר].

**ס**

ומניעה זו שאף לא יברכם, זה היה רק עבור שנעשה כגונב דעת העליונה, שעבור זה הרהיב בנפשו
לחשוב בלבו קללה בשעת אמירת הברכות. אבל אלמלא זה היו יכולין להאמינו שגם בלבו יברכם

און "דעס" קאָן זיין [אַז] דאָס איז געווען פאַר ׳דעם׳, ווייל ער איז געווען אַ "גונב דעת העליונה".

[ווייל] ווען ער איז נישט קיין גונב דעת העליונה, העט מען אים גיוועןן געקאָנט לאָזן זאָגן "ברכות", [כי אז היו יכולין להאמינו שלא יהא מחשבתו באופן אחרת], ווייל דער בורא כל עולמים האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל ׳זאָגן׳ ברכות און זאָל טאַקע ׳אינזין׳ האָבן ברכות, נישט אַז ער זאָל אינזין האָבן פאַרקערט, העט מען גיוועןן געקאָנט אים לאָזן, ׳די׳ בחינה פון [אם כן] "אברכם", העט מען גיוועןן געווען געקאָנט לאָזן.

[אָבער] אַז ער איז אַ "גונב דעת העליונה", טאָר מען אים נישט לאָזן [לילך גם באופן של ברכה, כי ירהיב בנפשו לחשוב קללות בחושבו ח"ו כאילו אין הקב"ה יודע מחשבתו].

**סא**

[ונמצא כי] דעס וואָס דער מדרש זאָגט, אַז דו ביסט אַ גונב דעת עליונה [לכן] לֹא תָאֹר, מיינט ער נישט [רק שלֹא תָאֹר], מיינט ער דעם ׳גאַנצן׳ פסוק. דער מימרא אין דעם פסוק לֹא תָאֹר אֶת הָעָם "כִּי בָרוּךְ הוּא", דאָרט ליגט דאָך [לשלול] "ברכות" אויכעט, אַזוי ווי רש"י זאָגט פשט, פון דעם פסוק איז געדרינגען מיינט מען די ברכות.

איבערדעם זאָגט ער [במדרש], אַז דער בורא כל עולמים [אמר לו], דעם פסוק פון לֹא תָאֹר אֶת הָעָם ׳כִּי בָרוּךְ הוּא׳, האָט מען פאַרדעם אים געזאָגט, ווייל ער איז אַ גונב דעת עליונה.

**סב**

אבל המניעה שלא ׳יקללם׳ באמירה, זה היה בכל אופן, כי לא אבה ה׳ לקלל את ישראל

אין הכי נמי, שעלטן, העט מען נישט גיוועןן געלאָזט אַזוי אויך נישט (וכמבואר לעיל בקושיא א). אָבער אין דעם פסוק ליגט דאָך [לשלול גם] די "ברכות", און ׳דעס׳ איז יאָ שוין גיוועןנדט אין דעם טעם ווייל ער איז אַ גונב דעת עליונה.

איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, אַז דו ביסט אַ גונב דעת עליונה, איבערדעם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם, מיינט ער דעם גאַנצן פסוק לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא, וואָס דאָרט ליגט [אף] "ברכות".

**סג**

הקדמה לישוב קושיא ד - ה

אלא שלפי זה קשה, דאם כן למה לבסוף הרשוהו לילך

נו ברויך מען דאָך פאַרשטיין, אַז ס׳איז טאַקע ס׳טויג נישט, מ׳האָט נישט געלאָזט [גיין אפילו לברך, אם כן] פאַרוואָס האָט מען אים געלאָזט ׳דערנאָך׳ [ואמר לו קום לֵךְ אִתָּם].

KolSatmar.com

**סד**

– אין הכי נמי, ווען אידן העטן גיווען ראוי געווען העט מען געווען גיוועזן געהאַט די ברכות פון בלעם'ן אויף אַן אַנדערן אופן, העט מען נישט געדאַרפט 'אים', העט ווייניגער שאַדן געווען. –

**סה**

**ישוב קושיא ה**

ולזה אמרו בגמרא, דזהו משום דבדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. וביאר המהרש"א דאין הכוונה שמן השמים מוליך אותו הקב"ה לכך, כי מאתו לא תצא הרעות, אלא שע"י מעשיו ורצונו נברא מלאך רע שמוליך אותו לעבור העבירה, ואותו מלאך הוא שאמר לו "קום לך אתם", ולא הקב"ה

נאָר וואָס'זשע דען, איך האָב פריער געזאָגט (בקושיא ה) די גמרא [דמלקות], **בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו.**

[ולכאורה], דער בורא כל עולמים פירט דאָך אים [בדרך שרוצה].

– [ונלמד מהפסוק] קוּם לֵךְ אִתָּם, [ומהפסוק] כי [אֲנִי] ה' מַדְרִיכְךָ [בְּדֶרֶךְ תֵּלֵךְ]. די גמרא ברענגט דאָך אויף דעם נאָך פסוקים (כדלעיל בהערה ד). –

נו דער בורא כל עולמים פירט חלילה אויף שלעכטס?

**סו**

זאָגט דער מהרש"א אין מסכת מלקות[כח], מ'מיינט נישט טאַקע [אַז] דער בורא כל עולמים [מוליך אותו]. נאָר וואָס דען, ס'איז ידוע אַז ביי יעדער עבירה וואָס דער מענטש טוט, ווערט באַשאַפן אַ "מלאך רע", אַ "מזיק", [ואפילו על ידי] אַ 'מחשבה' נאָר, ער 'וויל' גיין אַ שלעכטן וועג, דאָס אַליינס איז אַ גרויסער פגם, פון דעם אַליין ווערט באַשאַפן אַ מזיק. און דער מזיק, 'דער' פירט אים, און ער ברענגט אים אַריין אין די גאַנצע עבירה. [ועל זה אמרו] **בדרך שאדם 'רוצה' לילך, איז שוין מוליכין אותו,** ס'ווערט באַשאַפן אַזאַ מלאך וואָס ער 'פירט' אים. אַזוי זאָגט דער **מהרש"א.**

**סז**

איי ס'שטייט [לכאורה כין] דער "בורא כל עולמים" [אמר לו כן, דכתיב וַיָּבֹא "אֱלֹקִים" אֶל בִּלְעָם לַיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ אִם לִקְרֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים "קוּם לֵךְ אִתָּם"]?

דאָס טרעפט מען אַסאַך מאָל [דלשון "אלקים" הכוונה על מלאך ושליח][כט], ס'איז דאָך הרבה שלוחים להקדוש ברוך הוא, אפילו די סטרא אחרא.

אָבער ס'ווערט נישט געטון דורך הקב"ה אַליין, ס'ווערט געטון מיט אַ 'שליחות'.

---

[כח] במהרש"א (מכות י:): בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו כו'. עיין בזה במפרשים, ואענה גם אני חלקי, דלא קאמר 'שמוליך' אותו הקב"ה, אלא 'מוליכין' אותו [לשון רבים]. והוא ע"פ מה שכתבנו בכמה מקומות שכל מחשבה ודיבור ומעשה האדם, הנה הוא בורא לו מלאך לפי ענינו, אם לטוב אם לרע. ועל כן אמר **בדרך שאדם רוצה לילך**, שהרשות בידי האדם ממנו יתברך ברוך הוא, שהכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג:), אבל כפי 'רצונו' ודעתו של אדם **מוליכין אותו** אותן המלאכים הנבראים מאותו רצון ומחשבה אשר בו. ומייתי ראיה מן התורה, דכתיב **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם**, שאמר לו הקב"ה כן, וכתיב קוּם לֵךְ אִתָּם וגו', שרצונו ודעתו הרעה לילך אִתָּם הביא ששלח לו הקב"ה מלאך כרצונו ומחשבתו שאמר לו **קוּם לֵךְ אִתָּם**. ואמר דכתיב **אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ מְלַמֶּדְךָ לְהוֹעִיל** וגו', כי כל מצותיו יתברך ברוך הוא אינו מלמדך רק להועיל ולטוב לך, אבל **מַדְרִיכְךָ** הוא מלאך שאתה מדריכו בדרך זו תלך כפי דעתך ורצונך. ואמר דכתיב **אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ** וגו', רוצה לומר אִם לַלֵּצִים הוּא מוסיף לו לֵץ דהיינו מלאך כפי ליצנותך, ואם **לַעֲנָוִים** הוּא יִתֶּן חֵן לעצמו, מלאך של חן נגדו יתברך ב"ה.

[כט] **בזוהר הקדוש** (בלק רח:): אָמַר רִבִּי יִצְחָק וכו' וַיֹּאמֶר אֱלֹקִ"ים אֶל בִּלְעָם וגו', הָכִי אוֹלִיפְנָא. דְּהַאי אֱלֹהִ"ים דְּהָכָא כְּלְהוּ מַלְאָכָא הֲוָה. וְהַהוּא אִיהוּ אֲתָר דְּאָתֵי מִסִּטְרָא דְּדִינָא קַשְׁיָא, דְּבֵיהּ אֲחִידָן חֵילָא וְתוּקְפָּא דְּאִינּוּן כִּתְרִין תַּתָּאִין, דְּהֲוָה מִשְׁתַּמֵּשׁ בְּהוּ בִּלְעָם. וּבְגִין כָּךְ, וַיָּבֹא אֱלֹהִי"ם אֶל בִּלְעָם. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִי"ם אֶל בִּלְעָם. דִּלְזִמְנִין אִתְקְרֵי מַלְאָכָא בִּשְׁמָא עִלָּאָה. – [ועיין עוד באורך בס"ג בלק תשי"ד].

## סח
### הקדמה לישוב קושיא ד

בגמרא: למה נקרא שמם "כשפים", שמכחישין פמליא של מעלה. ופירשו
דהכוונה רק על שרי מעלה וצבא השמים שהם נקראים פמליא שלמעלה

היצט איז רעכט [מה שאמרו בגמרא דסנהדרין, דחוצפא כלפי שמיא מהני].
פונקט אַזוי ווי זיי זאָגן (סנהדרין סז. וחולין ז:) כשפים זענען מכחישין פמליא [שלמעלה]. למה נקרא שמם כשפים, שמכחישין פמליא של מעלה[ל].

ס'איז עפעס אַ פלא, מ'קען עפעס מכחיש זיין פמליא של מעלה?

זאָגן זיי דאָך פְּשַׁט די מפרשים[לא] [אַז] דאָס מיינט מען די מערכת השמים, דער כח הכשפים [גורם] מ'איז מְעַרֵב די מנהיגים [העליונים, השרים שלמעלה, והוראת כוכבים ומזלות].

דער בורא כל עולמים האָט אַזוי באַשאַפן, דער בורא כל עולמים האָט געגעבן [אַ כח], די אַלע "מערכת השמים" דורך זיי ווערט געטון די אַלע ענינים פון בורא כל עולמים [בהנהגת העולם הזה], אַלע השפעות גייען דורך שלוחים, דורך מלאכים.

און די כשפים זענען מְעַרֵב די כוחות, [ומה שאמרו דמכחישין "פמליא של מעלה"] דאָס מיינט מען די כוחות השמים (וכדהובא עוד להלן אות עג בשם רש"י).

## סט
### ישוב קושיא ד

בלעם ע"י חוצפתו ברא מזיק ומלאך רע כזה שהיה מוליך אותו בדרך שרצה לילך

דאָס קען זיין, בלעם, ביי אים איז געווען אַזאַ שטאַרקן מזיק, - [בבחינת] בדרך שאדם רוצה לילך [מוליכין' אותו, וכפירוש מהרש"א על הגמרא דמלקות], - אַז ס'זאָל אים פירן אַזאַ שלעכטן וועג [אַז] ער זאָל נִתְאַבֵּד ווערן מן העולם.

און דאָס האָט געשאַדט פאַר אידן אויך [שנפלו במעשה שטים]. איז אויך אַזוי, ווייל דער חטא [שגרם להם בלעם] האָט גורם געווען [להפיל כ"ד אלף]. ווען מ'זינדיגט נישט העט נישט גיווען געשאָדט. אַזוי ווי הקב"ה פירט עס, מְזַמְּנָן לפונדק אחד[לב].

---

[ל] פירש רש"י (בחולין ז:): "כשפים" נוטריקון "מכחישים פמליא של מעלה", שלא גזרו על אדם זה למות והוא מת על ידי כשפים.

[לא] עיין ברמב"ן (פרשת שופטים, יח ט): ועתה דע והבן בעניני הכשפים, כי הבורא יתברך כאשר ברא הכל מאין, עשה העליונים מנהיגי התחתונים אשר למטה מהן, ונתן כח הארץ וכל אשר עליה בכוכבים ובמזלות לפי הנהגתם ומבטם בהם, כאשר הוא מנוסה בחכמת האיצטגנינות, ועשה עוד על הכוכבים והמזלות מנהיגים מלאכים ושרים שהם נפש להם, והנה הנהגתם מעת היותם עד לעולם ועד גזירת עליונים אשר שם להם, אבל היה מנפלאותיו העצומות ששם בכח המנהיגים העליונים דרכי תמורות וכחות להמיר הנהגת אשר למטה מהם, שאם יהיה מבט הכוכבים (בפניו) [בפנים] אשר כנגד הארץ טובה או רעה לארץ או לעם או לאיש, ימירו אותם הפנים העליונים עליו להפך במבט עצמו, כענין שאמרו תמורת עֹנֶג נֶגַע. ועשה כן, להיות הוא יתברך שמו מְהַשְׁנֵא עִדָּנַיָּא וְזִמְנַיָּא (דניאל ב, כא), קוֹרֵא לְמֵי הַיָּם (עמוס ה, ח) לעשות בהם כרצונו, והוֹפֵךְ לַבֹּקֶר צַלְמָוֶת (שם) מבלי שינוי טבעו של עולם, ושיעשו הכוכבים והמזלות מהלכם כסדרן וכו'. וזה סוד הכשפים וכחם שאמרו בהם שהם מכחישים פמלייא של מעלה, לומר שהם היפך הכחות הפשוטים, והם הכחשה לפמלייא בצד מהצדדין, ועל כן ראוי שתאסור אותם התורה, שיונח העולם למנהגו ולטבעו הפשוט שהוא חפץ בוראו, וגם זה מטעמי איסור הכלאים, כי יבואו מן ההרכבות צמחים יעשו פעולות נכריות יולידו שינויים ממנהגו של עולם לרע או לטוב, מלבד שהן עצמן שינוי ביצירה, כאשר פירשתי כבר (קדושים יט, יט).

[לב] כמבואר שם לפני זה בגמרא דמכות (י:): רבי שמעון בן לקיש פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא, וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ [וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה] (משפטים כא, יג), כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמֹנִי מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע (שמואל א' כד, יג). במה הכתוב מדבר, בשני בני אדם שהרגו את הנפש, אחד הרג בשוגג ואחד הרג במזיד, לזה אין עדים ולזה אין עדים, הקב"ה מזמינן לפונדק אחד, זה שהרג במזיד יושב תחת הסולם, וזה שהרג בשוגג יורד בסולם ונפל עליו והרגו, זה שהרג במזיד נהרג, וזה שהרג בשוגג גולה. - [והובא ברש"י משפטים שם].

KolSatmar.com

ע

איבערדעם, ווייל ער האָט די גרויסע ׳חוצפה׳, פון דעם ווערט אַזאַ ׳שטאַרקערער מזיק׳.

עא

**אַ כלל גדול איז, אַ בחינת ״עזות״** [עושה רושם].

**אַזוי ווי ס׳איז פאַרהאַנדן עַזּוּת דִּקְדוּשָּׁה, ״עַז כַּנָּמֵר״[לג] פאַר׳ן בורא כל עולמים׳ס וועגן, איז עס אַ שטאַרקערער כח** [לסייע לקיום עבודת ה׳]. (כדיבואר עוד לקמן אות עה ואילך)

**אַזוי ווידעראום חלילה אויף עֲוֹנוֹת, ווי שטאַרקער די ״חוצפה״, איז דער ״מזיק״ שטאַרקער.**

עב

ולזה אמרו דחוצפא כלפי שמיא מהני, והיינו דמהני כלפי מערכת השמים ושרי מעלה, שיוכל לפעול כבחירתו הרע

**דאָס איז דער פשט, חוצפא כלפי ״שמיא״** [מהני]. **מ׳מיינט נישט כביכול אַקעגן בורא כל עולמים,** [נאָר] **מ׳מיינט די ״מערכת השמים״.**

---

[לג] כמבואר **במשנה דאבות** (ה, כ): רבי יהודה בן תימא אומר, הוי עז כנמר, וקל כנשר, ורץ כצבי, וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים.

**ובטור** (או״ח ריש סימן א) הביא להלכה דברי רבי יהודה בן תימה, וביאר דבריו וז״ל: **והתחיל בעז כנמר, לפי שהוא כלל גדול בעבודת הבורא יתברך,** לפי שפעמים אדם חפץ לעשות מצוה ונמנע מלעשותה מפני בני אדם שמלעיגין עליו, ועל כן הזהיר **שתעיז פניך כנגד המלעיגין ואל תמנע מלעשות המצוה.** וכן אמר רבי יוחנן בן זכאי לתלמידיו (ברכות כח:) יהי רצון שתהא מורא שמים עליהם כמורא בשר ודם. וכן הוא אומר לענין הבושה, שפעמים אדם מתבייש מפני האדם יותר ממה שיתבייש מפני הבורא יתברך, על כן הזהיר שתעיז מצחך כנגד המלעיגים ולא תבוש, וכן אמר דוד ע״ה (תהלים קיט, מו) וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ, אף כי היה נרדף ובורח בין האומות, היה מחזיק בתורתו ולומד, אף כי היו מלעיגים עליו.

**ובבית יוסף שם:** מה שכתב **בעבודת הבורא יתברך.** משום דקצת דברים אלו נראה שהם היפוך עבודתו יתברך, שהעזות נאמר עליו (אבות שם) עז פנים לגיהנם וכו׳, נראה שהם טובים לעניני העולם הזה ואין לעבודתו יתברך עסק בהם, לכך אמר שכולם לעבודת השם יתברך וכמו שיבאר.

ומה שכתב **והתחיל בעז כנמר לפי שהוא כלל גדול בעבודת הבורא יתברך.** משום דקשה וכו׳. ועוד שלא היה ראוי להתחיל במדת עז אע״פ שהוא בעבודת הבורא ית׳, לכך כתב שהטעם שהקדימו לפי שהוא כלל גדול בעבודת הבורא ית׳, לפי שפעמים אדם חפץ לעשות מצוה ונמנע מלעשותה מפני בני אדם שמלעיגין עליו וכו׳. ומשום דקשה היאך אפשר שיתבייש האדם מבני אדם ולא יתבייש מהשי״ת, שאתה אומר שימנע אדם לפעמים מלעשות מצוה מפני שלא ילעיגו עליו, לכך אמר אל תתמה שהרי רבי יוחנן בן זכאי אמר לתלמידיו יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם וכו׳, וכיון שמצינו שלפעמים אדם ירא מעשות עבירה מפני בשר ודם יותר ממה שהוא ירא מפני השי״ת, משם נלמוד לענין עשיית מצוה שלפעמים אדם מניח מלעשותה מפני שהוא מתבייש מבני אדם יותר ממה שמתבייש מהשם יתברך שמניח מלעשות מצותו וכו׳.

ומה שכתב על כן **הזהיר שתעיז מצחך כנגד המלעיגים ולא תבוש.** מפני שמדת העזות מגונה מאד, כמו שנזכר, ואין ראוי להשתמש ממנה כלל אפילו בעבודת השם יתברך לדבר דברי עזות כנגד המלעיגים, כי יקנה קנין בנפשו להיות עז אפילו שלא במקום עבודתו יתברך, לכך כתב **ולא תבוש,** כלומר אם אני אומר לך שתעיז מצחך כנגד המלעיגים, אינו לדבר להם דברי עזות, אלא לענין שלא תבוש מהם אף על פי שילעיגו עליך.

ומפני שעדיין יקשה שאין ראיה מרבי יוחנן בן זכאי שלענין מורא מלעשות העבירה אפשר שירא האדם מבשר ודם פן יודיעו הדבר למלכות ויגרסו בחצץ שיניו תיכף ומיד, משא״כ בהשי״ת שהוא ארך אפים, אמנם אין לך אדם שיניח מלעשות מצות השי״ת מפני בושת בשר ודם לשיצטרך יהודה בן תימא להזהיר עליו, לכך הביא ראיה מדוד המלך ע״ה שאמר **ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש,** הרי שהיה מתפאר שלא היה מתבייש מבני אדם בעשיית המצות.

ולפי שקשה שאי אפשר לפרש כן שהרי דוד המלך עליו השלום מלך היה ולא היה לו להתבייש מבני אדם, כי מי הוא ואי זה הוא אשר ימלאנו לבו להלעיג עליו, ואם כן על כרחך פירוש הפסוק כך ואדברה בעדותיך נגד מלכים מאן מלכי רבנן, ולא אבוש, כי אם לא הייתי מדבר בעדותיך נגדם הייתי בוש מהם. לכך כתב **אף כי היה נרדף ובורח בין האומות היה מחזיק בתורתו** וכו׳, כלומר פסוק זה אמרו כשהיה בורח בין האומות ואז היו מלעיגים עליו, ועם כל זה לא היה מתבייש מהם.

ואם תאמר אפילו כשהיה בורח בין האומות היה מכובד ביניהם ולא היו מלעיגים עליו, לכך כתב **אף כי היה נרדף,** כלומר אע״פ שהיה מכובד ביניהם מכל מקום להיותו נרדף היה מקום להלעיג עליו כשרואים אותו מחזיק בתורתו באמרם אליו יום יום הֲלֹא יִרְאָתְךָ כִּסְלָתֶךָ (איוב ד, ו) (עי׳ תוס׳ ב״מ נח: ד״ה הלא). – [וע״ע בב״ח שם].

KolSatmar.com

[ווייל] דער וואָס ער זינדיגט, רירט ער אָן אין די כוחות הטומאה וואָס זענען "בַּשָּׁמַיִם". דאָס זענען [די כחות הטומאה], דער כח פון ס"מ ווערט דאָך אויך אָנגערופן [בכלל] די חיילות [של מעלה].

**עג**

[ווי] די **גמרא** זאָגט (ברכות טז: יז.) [דרב ספרא בתר צלותיה אמר, יְהִי רָצוֹן] **שֶׁתָּשִׂים שָׁלוֹם בְּפַמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה וּבְפַמַלְיָא שֶׁל מַטָּה**, זאָגט **רש"י**[לד], **"פמליא של מעלה"** מיינט מען די "שרי האומות".

[ונמצא כי] די אַלע כוחות פונעם ס"מ ווערט דאָך אויך אָנגערופן די פמליא של מעלה, דאָס איז דאָך אויכעט פון מערכת השמים. איבערדעם איז **חוצפא כלפי שמיא מהני**, אַקעגן די 'אויבערשטע' כוחות. [אבל לא כביכול נגד הקב"ה].

**עד**

אַזוי ווי דער **זוהר הקדוש** זאָגט[לה] (ח"א עה:), דער דור הפלגה איז אויך געווען ווייל זיי זענען אין די כוחות העליונים דבוק געווען.

איבערדעם זאָגט ער, [ווען] מ'האָט צוגענומען פון זיי **לשון קודש**, האָט מען זיי אָפּגעריסן פון די כוחות עליונים. [וואָרן] אפילו די כוחות הטומאה זענען דאָך 'אויבן' זענען זיי זיך אויך משתמש בלשון הקודש. האָט מען זיי אָפּגעריסן פון די כוחות עליונים, איז בטל געוואָרן זייער כח.

**עה**

**דער כח פונעם רשעות דאָס איז אייביג, דאָס איז מקושר מיט די כוחות עליונים, מיט די כוחות הטומאה, מיט די שרי טומאה.**

און **אויף 'דעם'** איז דאָ געשטאַנען [בענין בלעם, כי חוצפא] **"כלפי שמיא" מהני**, אַז מיט חוצפה, איז שטאַרקער [געוואָרן] זיינע כוחות הטומאה, האָט ער 'דורכגעפירט', מ'האָט אים געזאָגט "קוּם לֵךְ אִתָּם".

דאָס איז אויך געגאַנגען דורך די כוחות הטומאה, אַזוי ווי דער **מהרש"א** זאָגט אויף דעם קוּם לֵךְ אִתָּם, [אַז] דאָס איז נישט געווען פונעם בורא כל עולמים אַליין, נאָר אויך פון די שלוחים, דורך זיינע כוחות הטומאה.

דאָס איז דער פשט **חוצפא כלפי שמיא מהני**, ס'האָט אים אַזוי ווייט געבּרענגט, כאָטשיג ס'איז געווען כנגד רצון הבורא ברוך הוא, ס'איז נישט קיין סתירה, [ס'איז טאַקע געווען] וַיִּחַר אַף אֱלֹקִים כִּי הוֹלֵךְ הוּא, הקדוש ברוך הוא איז ברוגז געווען דערפאַר, אָבער די כוחות הטומאה לאָזט מען [צו מן השמים לפעול, כדי שתהיה הבחירה

---

[לד] **ברש"י** (ברכות יז:): [שתשים שלום] בפמליא של מעלה. בחבורת שרי האומות. שכשהשרים של מעלה יש תגר ביניהם, תיכף יש קטטה בין האומות, כדכתיב (דניאל י, כ) ועתה אשוב להלחם עם שר פרס.

[לה] **בזוהר הקדוש** (נח עה:): וְאִי תֵּימָא לִישַׁנְהוֹן אַמַּאי אִתְבַּלְבֵּל, אֶלָּא בְּגִין דְּכֻלְהוֹן מְמַלְּלִין בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, הַהוּא לִישְׁנָא קָא עָבִיד לוֹן סִיּוּעָא, בְּגִין דִּבְעוֹבָדָא וּבְמִלּוּלָא דְפוּמָא תַּלְיָין מִלִּין אִלֵּין, לְאַדְבְּקָא כַּוָּנָה דְלִבָּא, וּבְדָא עָבְדֵי סִיּוּעָא לְהַהוּא אֲתַר דְּבָעֵי לְאַקָּמָא, וְעַל דָּא אִתְבַּלְבַּל לִישַׁנְהוֹן, דְּלָא יָכִילוּ לְאִתְתַּקְּפָא רְעוּתְהוֹן בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ. כֵּיוָן דְּאִתְחַלַּף לִישַׁנְהוֹן לָא אַצְלָחוּ בְּעוֹבָדָא, בְּגִין דְּחֵילָא דִלְעֵילָּא לָא יָדְעֵי וְלָא אִשְׁתְּמוֹדְעֵי בַּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, וְכַד אִתְבַּלְבַּל לִישְׁנָא דִלְהוֹן, אִתְחַלַּשׁ חֵילֵיהוֹן וְאִתְבַּר תּוּקְפָּא דִלְהוֹן. תָּא חֲזֵי, דְּהָא מִלָּה (דָא) דְּאָמְרֵי תַּתָּאֵי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, כֻּלְהוּ חֵילֵי שְׁמַיָּא יָדְעֵי בֵיהּ וְאִתְתַּקְּפֵי בֵיהּ, וְלִישָׁן אָחֳרָא לָא יָדְעִין וְלָא אִשְׁתְּמוֹדְעֵי בֵיהּ. וְעַל דָּא אִלֵּין כֵּיוָן דְּאִתְבַּלְבַּל לִישָׁנָא דִלְהוֹן, מִיָּד וַיַּחְדְּלוּ לִבְנוֹת הָעִיר. דְּהָא אִתְּבַר חֵילַיְיהוּ וְלָא יָכִילוּ לְמֶעְבַּד מִדֵּי בִּרְעוּתָא דִלְהוֹן.
[ועיין **ויואל משה** (ג, יט) מה שביאר רבינו בזה].

חפשית, וכמו שאמרו] **בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין** [אותו]. [וכן אמרו][לו] **הבא ליטמא איז פותחין** [לו, שנאמר] **אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ**[לז].

**עו**

**און ביי אידן איז אַלעס תלוי אויף, אין די עצם המעשה,** [כי לפי מעשיו ובחירתו נברא מזה מלאך המוליך אותו, הן לטוב והן למוטב].

**עז**

## ביאור הגמרא בעקבות משיחא "חוצפא יסגא"

(עד אחר אות פד)

ע"י כח החוצפה של רשעי הדור, נברא מלאכים שמוליכין אותם לגמור וזממם הרע ח"ו

**און איבערדעם זאָגט דאָך די גמרא**[לח]**, בעיקבא דמשיחא "חוצפא יִסְגֶא".** [ולכאורה] **וואָס איז טייטש "יִסְגֶא"?**

[נאָר לדרכינו] **פון אַ "שטאַרקע חוצפה" איז מער "יִסְגֶא"** [לפעול רצונו], **פון די עבירות,** [ווייל] **ס'ווערט געטון** [על ידי חוצפה] **איז עס מער "יִסְגֶא", ה' ישמרינו.**

**פון דער כח החוצפה,** [איז] **"יִסְגֶא", ווערט שטאַרקער דער כח זייערער, דורכדעם באַקומען זיי שטאַרקערע כוחות הטומאה, מיטן כח החוצפה.**

**עח**

אמנם זה לעומת זה עשה אלקים, שיש כנגדם מדת "עזות דקדושה" שבזה בודאי יכולין לפעול עוד הרבה יותר

**נאָר דער כלל איז** [כי] **זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים** (קהלת ז, יד), [ואם כן לעומת החוצפה של הרשעים יש כנגדו מדת העזות דקדושה של עובדי ה', וממילא] **אַז חוצפא כלפי שמיא נוצט פאַר "זיי",** [איז] **על אחת כמה וכמה אַז מ'איז "עַז כַּנָּמֵר"** [לעבודת ה' ושמירת התורה, אַז ס'נוצט פאַר 'אונז' בזה ובבא].

**עט**

ועל דרך זה פירשו בהגמרא למה ניתנה תורה לישראל מפני שהן עזין, היינו שיש להם עזות דקדושה שלא להשיב מפני כל, ועל כן יש אצלם המציאות שהתורה תתקיים בהן לדורות

**זיי זאָגן דאָך פשט,** [במאמר הגמרא] (ביצה כה:) **למה ניתנה תורה לישראל, מפני שהן עַזִּין**[לט]**. איז דאָך דאָ צוויי** [פשטים].

**דער פשוט'ער פשט איז,** [דעזים היינו גבורים וחזקים בכח, וכמו שפירש רש"י, דלכך ניתנה התורה להתיש כחם ולהכניע לבם, ווייל] **תורה מתשת 'כח'**[מ] (סנהדרין כו:).

---

[לו] **בגמרא** (שבת קד. יומא לח: ע"ז נה.): אמר ריש לקיש, מאי דכתיב (משלי ג, לד) **אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ, וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן. בא ליטמא פותחין לו, בא ליטהר מסייעין אותו.** [פירש"י בשבת: הוּא יָלִיץ. מעצמו יליץ, לא יסייעוהו ולא ימנעוהו: ואם לַעֲנָוִים. ולמדה טובה הוא נמשך. יִתֶּן חֵן. יסייעוהו מן השמים].

[לז] דמפסוק זה נלמד גם מן 'הכתובים', הא דבדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. וכדהובא לעיל בהערה ה.

[לח] **במשנה דסוטה** (מט:): **בעקבות משיחא חוצפא יסגא,** ויוקר יאמיר, הגפן תתן פריה והיין ביוקר, ומלכות תהפך למינות, ואין תוכחה, בית וועד יהיה לזנות, והגליל יחרב, והגבלן ישום ואנשי הגבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו, וחכמות סופרים תסרח, **ויראי חטא ימאסו,** והאמת תהא נעדרת, **נערים פני זקנים ילבינו,** זקנים יעמדו מפני קטנים, בן מנוול אב, בת קמה באמה כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, פני הדור כפני הכלב, הבן אינו מתבייש מאביו, **ועל מה יש לנו להשען על אבינו שבשמים.** - [ועיין עוד להלן בהערה מה].

[לט] **בגמרא ביצה** (כה:): תנא משמיה דרבי מאיר, מפני מה נתנה תורה לישראל, מפני שהן עזין. תנא דבי רבי ישמעאל. מִימִינוֹ אֵשׁ דָּת לָמוֹ (ברכה לג, ב), אמר הקדוש ברוך הוא ראויין הללו שתנתן להם דת אש. איכא דאמרי דתיהם של אלו אש, שאלמלא (לא) נתנה תורה לישראל אין כל אומה ולשון יכולין לעמוד בפניהם. והיינו דאמר רבי שמעון בן לקיש, שלשה עזין הן [פירש"י: קשין לנצח], ישראל באומות, כלב בחיות, תרנגול בעופות, ויש אומרים אף עז בבהמה דקה, ויש אומרים אף צלף באילנות.

ווידעראום איז דאָ דאָרט נאָך אַ פשט טאַקע [במהרש"א שם, דהכוונה על עזותן שלא להשיב מפני כל, ושלא ליבוש מפני המלעיגים][מא]. (וכדמסיק להלן אות פב)

פ

[דהנה] דער אמת, אַז מ'זאָל זיך דערהאַלטן מיטן דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, איז גרויסע נסיונות.

[ווייל] די כוחות הטומאה, די כוחות היצר, און דער גאַנצער מְהוּת הָעוֹלָם, איז 'כנגד' התורה הקדושה. דאָס טִבְעִיּוּת הָעוֹלָם.

איבערהויפּט אין אַ דוֹר פָּרוּץ [כזה], איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן.

[וממילא] וויאַזוי קאָן מען זיך דערהאַלטן אַקעגן אַ גאַנצע וועלט ? !

מוז מען האָבן אין זיך "שטאַרקייט" !

די מדה פון אַ איד ![מב]

אַ "שטאַרקייט", אַז מען 'לאָזט נישט נאָך' !

פא

[ועל דרך זה יש להמליץ לטובה, מה שנאמר] **כִּי עַם קְשֵׁה עֹרֶף הוּא** (שמות לב, ט. לד, ט), [כי בעצם] דאָס איז אַ אידישע מדה.

[נאָר] 'דאָרט' [בחטא העגל] האָבן זיי געזינדיגט מיט דעם, [במדה זו]. אָבער ווידעראום [כדי] אַז מ'זאָל דינען דעם באַשעפער, מ'זאָל זיין אַ צדיק אמת, מוז מען האָבן [מדה זו, צו] זיין אַ "שטאַרקער קְשֵׁה עֹרֶף".

מ'זאָל נישט נתבטל ווערן ! מ'זאָל נישט האָבן קיין הִתְבַּטְּלוּת [נגד העולם] !

מ'זאָל 'נישט נאָכלאָזן' דורך די גרויסע נסיונות !

פב

איבערדעם איז דאָס אויכעט, [פשט המהרש"א שבגמרא ביצה].

איבערדעם דאָס איז די זעלבע [ענין, מה שאמרו בגמרא] למה ניתנה תורה לישראל, אויף דעם ברענגט ער מפני שהן עַזִּין, ממילא וועט עס 'אויסהאַלטן' [=שיהיה לזה קיום].

די תורה הקדושה וועט אַ "קיום" האָבן, נאָר דורך די טבע פונעם "עזות דקדושה"[מג].

פג

ומהא דחוצפה מהני לרשעים לגמור זממם, יכולין ללמוד בקל וחומר
כי עזות דקדושה תועיל לעובדי ה' להתקיים בדרך התורה והאמונה

[ולדרכינו עתה, הוא] אַ קל וחומר בן בנו של קל וחומר, מדה טובה מרובה ממדה פורעניות.

אַז ביי עונשים, ביי טומאה, איז חוצפא כלפי שמיא מהני, אַקעגן זיינע שרי הטומאה. על אחת כמה וכמה אַז מ'האָט 'חוצפה דקדושה', האָט מען סיוע מלמעלה.

---

[מ] וז"ל רש"י (שם): שהן עזים. ונתנה להם תורה שיעסקו בה, והיא מתשת כחם ומכנעת לבם.

[מא] במהרש"א (שם): ונראה נמי דעזותן דקאמר לאו היינו גבורה, אלא לעמוד על דבריהם ולא ישובו מפני כל הוי עזותן. ודומיא דהכי כלב כו', לאו לענין גבורה קאמר, דכמה חיות וכמה עופות גבורים יותר מהן, אלא עזותן הוא שלא ישובו מפני כל ומעיזין פניהם.

[מב] להיות לו עזות דקדושה, וכמו שאמרו בגמרא שהן "עזין", וכפי' מהרש"א.

[מג] עיין דברי יואל וישלח (עמוד קסט ד"ה ונקדים). וע"ע ס"ג נשא תשכ"ז (לשון קדשו אות כו).

KolSatmar.com

**פד**

וזה רמזו גם כן באומרם "בעיקבא דמשיחא חוצפא יסגא", דכדי להתקיים בדור שפל כזה וכמו שחושב שם במשנה, יצטרכו להשתמש נגדם במדת "החוצפה" והעזות דקדושה, לעמוד איתן נגד זרם העולם והשפעת כל הדור

**פאַרדעם האָבן זיי געזאָגט בעיקבא דמשיחא** [חוצפא "יסגא"]. **איז דאָס ביידע אמת,** [כי יש שתי בחינות בענין החוצפה שבדור האחרון][מד].

**א] מ'איז מתאונן אויף דעם גרויסן "עזות" פונעם דור** [שאינו כהוגן].

**ב] און ווידעראום פאַרקערט** [לטובה]. **אַז ס'איז טאַקע אַזאַ דור ווי ער רעכנט אויס** [בהמשך המשנה שם, אַז] **סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל,** [און] **יִרְאֵי חֵטְא יִמְאָסוּ ווי ס'שטייט[מה], נְעָרִים פְּנֵי זְקֵנִים יַלְבִּינוּ ווי ער רעכנט אויס. ממילא איז דאָך אויכעט** [זה לעומת זה, שאנו צריכין להשתמש עם מדת "עזות" דקדושה], **מוז מען האָבן אַ בחינת "חוּצְפָּה" אַקעגן "דוֹר".**

**איבערדעם בעיקבא דמשיחא וועט זיין חוצפא יסגא. אַז מ'האַלט זיך נאָך אין דרך האמת, מעג זיין** [להתחצף אפילו] **אַקעגן גאַנצן דור**[מו].

---

[מד] **וז"ל בדברי יואל שלח** (עמוד שצא): **אפשר להמליץ מה שאמרו ז"ל בסוף סוטה, בעיקבתא דמשיחא חוצפה יסגי. דהנה ידוע שכל מה שדברו חז"ל בגנות הדור האחרון, מרומז בתוך הדברים הקשים גם דבר טוב, דאף שרוב הדור יהיה כמו שציירו שם בפשטות, מ"מ ישארו יחידי סגולה הדבוקים בהשי"ת ובתורתו הקדושה, אך כיצד יהיו יכולים להתקיים ולעמוד נגד כל העולם הלועגים להם וממאסים אותם, בעל כרחך יצטרכו למדת העזות והחוצפה להיות עזים כנמרים נגד המלעיגים שלא יחושו לזלזוליהם כלל. וזהו שאמרו ז"ל בכלל דבריהם חוצפה יסגי, דרק ע"י מדת העזות והחוצפה יוכלו לעמוד נגד זרם הדור.**

[מה] **שם בהמשנה דסוף סוטה** (כדהובא לעיל בהערה ל). - **וכן בגמרא סנהדרין** (צז.): **תניא רבי יהודה אומר, דור שבן דוד בא בו, בית הוועד יהיה לזנות והגליל יחרב והגבלן יאשם ואנשי גבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו וחכמת הסופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו, ופני הדור כפני כלב, והאמת נעדרת, שנאמר** (ישעי' נט, טו) **וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל. מאי וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת, אמרי דבי רב מלמד שנעשית עדרים עדרים והולכת לה, מאי וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל, אמרי דבי רבי שילא כל מי שסר מרע משתולל על הבריות.**

[מו] **וע"ע בפתיחה חיי שרה תשכ"ח, וזלש"ק: די משנה זאָגט רבי יהודה בן תימא אומר, יהודה בן תימא זאָגט, הוי עז כנמר וכו', הוא היה אומר, יהודה בן תימא האָט געזאָגט, עז פנים לגיהנם ובושת פנים לגן עדן.** [וקשה] **וואָס זאָגט ער עפּעס "הוא היה אומר".** [ועוד קשה] **ס'איז דאָ צוויי מימרות** [מאדם אחד, און] **ס'איז ווי אַ סתירה, ער הייבט אָן, הייסט ער זיין אַן עזות פנים, עז כנמר הייסט ער זיין, מ'זאָל זיין שטאַרק, מ'זאָל האָבן עזות, און תיכף זאָגט ער, דער זעלבער האָט געזאָגט עז פנים לגיהנם, וואָס איז עפּעס, דו ביסט דיך עפּעס אַליין סותר.**

**נאָר דאָס איז דער אמת, טאַקע ביידע. אמת ויציב, צום קיום התורה הקדושה - איבערהויפּט אַזוי ווי ס'איז יעצט אין די שפּעטערע דורות - מוז מען האָבן אין זיך אַ כח פון עזות, מ'זאָל נישט צוריקשטיין, מ'זאָל נישט בטל ווערן פאַרן זרם העולם, בעוונינו הרבים דער זרם העולם איז כנגד התורה הקדושה, מ'דאַרף האָבן אין זיך שטאַרקייט מ'זאָל נישט בטל ווערן** [פאַר די וועלט].

[אָבער] **'נעבן דעם' ברויך מען צו זיין אַ גרוסער בעל דרך ארץ, מ'דאַרף זיין ביי זיך צובראָכן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, אַזוי ווי דער אמת איז, אַז מ'מוז מיטמאַכן אין די דורות מ'זאָל זיך האַלטן ביי אידישקייט און ביי תורה, מ'טאָר נישט האָבן קיין "עזות" דאָרט וואו מ'ברויך נישט.** [ממילא] **מוז מען האָבן אַ גרויסן "כח הבוחן", מ'זאָל זיין אַ בעל דרך ארץ, אַז נישט איז עס אַזויווי די הייליגע חכמים זאָגן** (ברכות יז.) **אַז הבועט באביו וברבו ובמי שגדול ממנו וכו', מ'זאָל זיין צוריקגעצויגן, ווען מ'מוז נישט** [להשתמש במדת עזות דקדושה] **זאָל מען זיין צוריקגעצויגן, מ'זאָל נישט זאָגן חלילה ארור שזה ילד ארור שזה גידל** (יומא פו.), **און ס'איז טאַקע אַ שלעכטע מדה** [מדת העזות], **און מ'פאַלט אַריין אין נגיעות און אין פניות און כדומה וכדומה.** [ועל כן צריך] **מ'זאָל זיך מתבודד זיין בינו לבין קונו ביי יעדער זאַך,** [לידע] **'וואָס' מ'ברויך יאָ טון און 'וואָס' מ'ברויך נישט טון, ברויך מען האָבן אַ דעת תורה, און דרך ארץ מ'זאָל האָבן.**

**איבערדעם זאָגט די משנה, ער הייבט אָן צו זאָגן עז כנמר, וואָרן אַנדערש גייט נישט, שלא יבוש מפני המלעיגים עליו** (רמ"א או"ח א, א), **אין פשטות. דאָס האָט מען נאָך אין יענע צייטן געזאָגט, מ'זאָל נישט ווערן מבוייש מפני המלעיגים עליו אין עבודת השם. מוז מען האָבן אין זיך עזות. זאָגט די משנה** [ווייטער] **הוא היה אומר, ווען ער מיינען אפשר דאָס איז אַ פלוגתא, ס'שטייט אַ משנה עז פנים לגיהנם ובושת פנים לגן עדן, ס'איז דאָך עפּעס אַ סתירה, וועט ער מיינען דאָס איז צווי מאן דאומרים, איין מאן דאמר זאָגט זאָלסט זיין אַן עזות פנים, און איין מאן דאמר זאָגט אַן עז פנים גייט אין גיהנם, וועט איינער זאָגן איך וועל מיר אויסקלויבן וואָס איך וויל, דעביד כמר עביד ודעביד כמר עביד, מ'קען טון אַזוי ווי דער מאן דאמר און מ'קען טון אַזוי ווי דער מאן דאמר, אָדער אַזוי ווי ס'וועט אים טויגן, פונקט פאַרקערט** [ממה שצריך], **ווען מ'ברויך צו זיין אַן עזות פנים**

### פה

**ווי איך האָב געטייטשט** [וואָס] **מ'זאָגט דאָרט** (בפיוט אשמנו מכל עם, שבסוף הסליחות) **בּוֹשְׁנוּ "מִכָּל" דּוֹר,** [דהכוונה שאנו מבוזים] **פונעם "גאַנצן" דור** [של עתה].

[דלפי פשוטו דהכוונה דדור הזה מבוזה נגד דורות הקודמים, אם כן] **מ'העט געדאַרפט זאָגן** [בלשון רבים, בושנו] **פון די 'דורות', בּוֹשְׁנוּ מִכָּל "הַדּוֹרוֹת".** [דהלשון] **מִכָּל דוֹר אַז דאָס דאַרף מיינען** [פון] **אַלע דורות, העט געדאַרפט שטיין בלשון רבים, בּוֹשְׁנוּ מִכָּל "הַדּוֹרוֹת".**

**נאָר** [הכוונה הוא] **בּוֹשְׁנוּ "מִכָּל דּוֹר", פונעם "גאַנצן דור", איז מען מתאונן אויפן מצב** [הדור].

### פו

**ממילא דאַרף מען האָבן אַ כח דערקעגן** [לעמוד איתן נגד כל הדור].

**און דאָס איז נאָר מיטן** [כח פון] **"חוצפא" יסגא, די "שטאַרקייט" פון אַ איד.**

**ברויך מען זיך אַרויסלערנען** [מחוצפה שלהם]**, מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי מִצְוֹתֶךָ**[מז]**.**

[אַז] **מיט "עַזּוּת דִקְדוּשָׁה" זאָל מיר די זכיה האָבן, מ'זאָל זיך האַלטן אמת'דיג אין דרך התורה און אין דרך האמת**[מח]**.**

---

ווערט ער זאָגן איך פאַרלאָז מיך אויף דעם מאן דאמר וואָס זאָגט עז פנים [לגיהנם], און ווען מ'ברויך צו זיין אַ בושת פנים ווערט ער זאָגן איך פאַרלאָז מיך אויף דעם מאן דאמר וואָס ער הייסט מיר זיין אַן עזות פנים, נו טויג דאָך נישט. איבערדעם זאָגט די משנה "הוא היה אומר", ס'איז דער זעלבער, דאָס איז נישט קיין פלוגתא, דער זעלבער מאן דאמר וואָס ער זאָגט אָן אַז מ'זאָל האָבן איך זיך עזות צו אידישקייט, דער זאָגט אָן זאָלסטו וויסן אַן עזות פנים גייט אין גיהנם ובושת פנים לגן עדן, טאַקע דער מאן דאמר, "הוא היה אומר", דאָס איז נישט קיין פלוגתא [ועיי"ש עוד. ועיין בחינה זה גם בדברי יואל ויקהל (עמוד שנד) מליל ש"ק ויקהל תשכ"ג].

וע"ע בענין זה בדברי יואל (שמות ע' צו) מס"ג **שמות תשכ"ו, ובס"ג וארא תשכ"ו** (דברות קודש לשובבי"ם ח"ה עמוד שכט)**, וס"ג ואתחנן תשכ"ז** (ובדברי יואל תנינא עמוד קלז)**. ושם מבאר רבינו על דרך זה בכוונת הפסוק** (שמות א, יט) כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי חָיוֹת הֵנָּה, ופירש"י כי "חיות" הנה, הרי הן משולות לחיות השדה, והיכן משולות לחיות, גּוּר אַרְיֵה, זְאֵב יִטְרָף וכו'. והיינו דכשהדבר נצרך עבור כבוד שמים, הם יכולין להשתמש במדת הגבורה והעזות דקדושה, [ומי שיש לו מדות כאלו עבור כבוד שמים עוזר לו השי"ת שלא כדרך הטבע, ועל כן בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ, ואינם צריכין למילדות]. אבל יען שהזכירו שיש לבני ישראל מדת העזות, הוצרכו לומר **כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת**, שאין הנשים העבריות משתמשין במדות כאלו כדרך הנשים המצריות, להיות ח"ו עזי פנים במקום שאין בזה צורך לעבודת ה', עיי"ש באורך. וע"ע ס"ג **וישלח תשכ"ז** (ובדברי יואל עמוד קע).

[מז] וכמו שהזכיר רבינו כמה פעמים מה שהיה מרגלא בפומיה דהקדושת יום טוב בפירוש הפסוק, כי יש שני דרכים איך לידע הדרך הנכון, אחד הוא לראות מה עשו הצדיקים בכגון דא ולעשות כמותם, והשני הוא לראות איך עשו הרשעים בכגון דא ולעשות ההיפך מהם. ודרך השני הוא בטוח עוד יותר, כי הרשעים אינם עושים טעות בדרכם, ואין היצר מתגבר לעומתם, ולזה אמר הכתוב (תהלים קיט, צח) מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי מִצְוֹתֶךָ. [עיין דברי יואל ויקרא עמוד עא, ולחנוכה אות יג, ועוד בכ"מ]. ולענינינו הכוונה, דכשאנו חיים בדור של עיקבתא דמשיחא אשר חוצפא יסגא להשתמש במדה זו שלא כהוגן נגד הכבוד שמים, מזה נלמד לעשות ההיפך, ולהשתמש במדה זו לצורך ריבוי הכבוד שמים.

[מח] להבנת הענין ראוי לציין, כי דברי רבינו כאן הם דברי התחזקות לאור המצב ששרר אז, לעמוד איתן כחלמיש נגד נסיונות הזמן ובזיונות אנשי הדור. והוא כי לפני זה, ביום ה' **קרח** ב' דר"ח תמוז תשי"ח, **התקיימה מחאה הגדולה בעיר וואַשינגטאָן הבירה,** נגד תועבת הַבְּרֵכַת שְׂחִיָּה [שווים באַסיין] שעשו אז הציונים בעיה"ק ירושלים, שכידוע ניהלו ותיקי ירושלים מלחמה גדולה נגד זה, ורבינו ז"ל וסיעת מרחמוהי מהכא עמדו לעזרתם בכל הזמן, ועשו פעולות שונות ומחאות פומביות על פני חוצות בעיר ניו יאָרק. והרשעים עמדו בחוצפתם ועקשותם בכל תוקף ולא רצו לוותר על מזימתם, באמרם שבזה יבורר גורל ירושלים וגורל היהדות לדור העתיד. והאגודה ומזרחי ומלחכי פינחא שלהם שבכל העולם בלבלו את העולם בכמה תחבולות להשתיק קול המחאות האלו, וצווחו שהמחאות האלו המה חילול השם ומסירה, וכאילו בזה מגרים השנאת ישראל אצל הגוים ומביאים את ישראל לסכנה וכיו"ב מדברי הבליהם. אבל רבינו בירר דעת קדשו ובירר דעת קדשו שדוקא המחאות הללו הן המה העצה היחידית למנוע מזימתם הרעה, וכאשר הציונים עמדו בשלהם בעקשנות גדולה על אף המחאות בעיר ניו יאָרק, ראה רבינו להכרח לערוך מחאה גדולה בעיר הבירה וואַשינגטאָן, ועוד פעולות.

KolSatmar.com

**פז**

ובזכות נזכה במהרה להברכות שנאמרו מפי הקב"ה, וכמו שיהיה לעתיד

**מיט דעם** [בזכות זה] **וועט דער בורא כל עולמים העלפן, מ'וועל מיר זוכה זיין** [במהרה] **צו די בְּרָכוֹת וואָס הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט**[מט]**.**

**די אַלע בְּרָכוֹת טאַקע פון די וואָכעדיגע סדרה, די גאַנצע פרשה פון בלק.**

[וואָס] **מ'האָט עס געוואָלט קובע זיין אין "קריאת שמע".**

**פח**

**[קושיא יב]**

**בגמרא:** בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ולא קבעוה משום טורח ציבור. ויש להבין וכי יש בזה כל כך "טירחא"

[ווי] **די גמרא זאָגט** (ברכות יב:) [בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, נאָר] **וועגן "טירחא דציבורא" האָט מען נישט געמאַכט** [תקנה זו]**.**

[וקשה כי] **לכאורה ס'איז נישט אַזוי סאַך גרעסער ווי די דריי פרשיות** [של קר"ש][נ]**.**

---

ויהי ממחרת להמחאה בוואשינגטאן הבירה, ויקימו הציונים וגירוריהם עם כל כלי מלחמתם, כל העם מקצה, הלאומיים והדתיים והחסידיים וכל מפלגותיהם בראשות רבניהם וגדוליהם והרמי"ם והאדמורי"ם, לשפוך קיתונות של בוז ולעג וקלון על רבינו זי"ע וחסידיו, על כלומר החילול השם הגדול והנורא הזה אשר עשו, להשמיץ את המדינה היהודית בפני אומות העולם. ואף שמו עליהם דין מוסרים ומלשינים עד שגזרו אומר להחרים אותם ולנדותם ולהוציאם מכלל ישראל. [וזקן ממרא א' ממנהיגי המזרחי אף גם עלה על הר ציון עם שופר בידו והכריז כאילו ח"ר ונידוי ושמתא חס ושלום, והביד"צ בעיה"ק ירושלים ע"פ פקודת הגה"צ מבריסק ז"ל ענו כנגדו והפכו עליו ח"ר ולטותא דרבנן, ואכמ"ל]. ואז היה הַשְׁמָצָה גדולה בכל העולם היהודי נגד רבינו הקדוש ונגד תלמידיו וחסידיו, אשר כמוהו לא נהייתה, עד שהרבה מחסידי רבינו אבדו אז את פרנסתם שעבדו אצל יהודים אחרים ונתגרשו ממלאכתם.

וכנראה שע"ז סובבים דברי רבינו ז"ל כאן לחזק את התלמידים שצריכין להשתמש במדת עזות דקדושה לעמוד איתן ולהתגבר בחוצפא דקדושה כנגד כל הדור, ושלא להתבטל בפני המסיתים ומדיחים תלמידיו של בלעם הרשע המשתמשים עם מדת העזות דקליפה, ורק על דרך זה נוכל להחזיק מעמד להמשיך כח התורה והאמונה לדורות. (ועיין באורך יותר, בקונטרס דברות קודש, בסוף תורה זו).

ומן הראוי להעתיק דברי רבינו בזה מתוך **קריאת השנה לשנת תשי"ט** (נדפס בדברי יואל מכתבים ח"א, קטו):

ב"ה. שנה קשה עברה על היהדות החרדית בעיר וארץ הקודש ת"ו, לבי לבי על מדת הפורעניות הרוחנית הגדולה שירדה עלינו בדורינו זה, וַאֲשֶׁר יְגוֹרְנוּ מאז נוסדה הציונות, בָּא בימינו אנו...

נוסף על הפירצות המרובות בשטח החינוך, הכשרות, ושמירת השבת וכו', **היתה התאבקות קשה עם אלה שעמדו לחלל קדושת ירושלים ולהקים "בריכת תועבה" בפלטרין של מלך מלכי המלכים הקב"ה אשר** כמוהו לא זכרה ירושלים בכל תקופת גלותה בין הגוים, ואוי לנו שלכך הגענו באחרית הימים האלה, ולא הועילו כל המחאות והתחנונים העינויים והמאסרים שלא לפגוע בָּבַת עַיִן עַם ה' ממלכת כהנים וגוי קדוש, הם עמדו במרדם וביצעו לעין השמש את אשר זממו, הבריכה נפתחה, ועיר האלקים לחרפה ולביזה.

אמנם אל יפול רוחינו וכו', על אף הכל יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵנוּ, וזעקתינו למרום לא תשוב ריקם, ולא לריק יגענו, אין ספק כי המחאה העולמית קידשה ברבים את שם ה' הגדול והנורא, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עלינו, והיהדות החרדית עוֹד לבה רָד עִם קֵל.

**קידוש שם שמים זה המתיק את הדינין, והסירה חרון האף במדה גדולה.**

**ועלינו להודות ולהלל לכל החרדים "בעיר הקודש" אשר קידשו שם ה' ברבים ועמדו על המשמר במסירת נפש להגן על קדושת ירושלים,** והערו נפשם למען שמירת טהרתה, ונתנו גיוויהם למכים ולחייהם למורטים, וירדו לבית הכלא למען כבוד שמו ית"ש, **וכך נתפרסם בעולם כולו כי אלקיהם של אלו שונא זימה,** ובזה סר מר הקטרוג הנורא שלא יאמר הותרה הרצועה ומדשתקי רבנן וכו', ועל זֶרַע בֵּרַךְ אלה אשר קידשו שם ה' תפארתינו ונחמתינו, ועל כגון דא נאמר הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי.

**וזכות מיוחד עמד להם להיראים וחרדים "בחוץ לארץ" אשר לא עמדו מרחוק בימי עברה וזעם, ובאו לעזרת ה' בגבורים,** ולא זזו ידם מתוך ידיהם של גבורי כח בעיה"ק, לעמוד לעזרתם ולימינם, וחלק כחלק ניהלו את המערכה בקדושה וטהרה, **זכיתם אתם לקדש את השם ית"ש יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלַּתְכֶם בזה ובבא וכו'.**

[מט] שזה היה לאחר שבלעם בחוצפתו מהניא ליה שיוכל לילך כדי לקללם במחשבתו, והקב"ה הפך את הקללה לברכה, ואת העזות דטומאה אל עזות דקדושה. (כן נראה ההמשך לפי הענין).

KolSatmar.com

### פט

### ישוב קושיא יג

טעם שרצו לקבעו בקריאת שמע, הוא משום דיש תועלת אל ״קבלת עול מלכות שמים״ בלימוד היוצא מפרשה זו להשתמש במדת העזות דקדושה

נאָר ס׳קען זיין [ענין הטירחא דציבורא. דהנה יש לומר דמה שבקשו לקבוע פרשה זו, הכוונה] **ווייל ׳די׳ פרשה, לעולם קער דאָס צו קבלת עול מלכות שמים, מ׳זאָל זען דאָס גרויסע ״עזות״ פון בלעם׳ן, חוצפא כלפי שמיא מהני,** [כדי] **מ׳זאָל זיך אַרויסלערנען מ׳זאָל זיין ״עַז כַּנָּמֵר״** [לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ שֶׁבַּשָּׁמַיִם], **זה לעומת זה,** [על דרך] **מֵאֹיְבַי תְּחַכְּמֵנִי מִצְוֹתֶךָ.**

### צ

### ישוב קושיא יב

אבל עיקר הצורך ללימוד זה הוא בדור של עיקבא דמשיחא, שהוא דור של ״חוצפה יסגא״, ועל כן גם העובדי ה׳ צריכן להשתמש לעומתם במדת העזות דקדושה ובחוצפה נגד השפעת כל העולם. ועל כן לא קבעוה, משום ״טורח הציבור״ של דורות הקודמים, שיהיה להם לטירחא ולפחד אם יודיעו להם שיבא דור כזה שלא יהיה עצה רק להשתמש במדת החוצפה נגד כל העולם

**נאָר וואָס דען, אין די אַלע דורות האָט מען נאָכנישט אָנגעזען דעס ״עזות״ פון לעצטן דור,** [וכיון שהדור לא היו משתמשין בחוצפה שלא כהוגן, לא היו צריכין כל כך להשתמש במדת העזות דקדושה לעומתם. ורק בדור האחרון יש צורך ללימוד זה מפרשת בלק. וממילא אם היו קובעין אותו בדורות הקודמים בקריאת שמע מטעם הנזכר], **קומט אויס ס׳איז אַ גרויסע ״טירחא דציבורא״ אַז מ׳זאָל ׳דערציילן׳ בכל הדורות וויאַזוי ס׳זעט אויס די בחינה פון בלעם׳ן, אַז מ׳זאָל דאָס זאָגן ׳כסדר׳,** [כדי שילמדו מזה איך לעמוד איתן נגד הנסיונות בעיקבא דמשיחא אשר חוצפא שלהם יסגא].

**איבערדעם, דאָס קען זיין** [איז] **דער ״טירחא דציבורא״,** [דהכוונה] **מ׳האָט נישט געוואָלט אַרויפוואַרפן אַ גרויסע ״טירחא״, דער גרויסער ׳פחד׳ פונעם מצב** [הדור של עיקבא דמשיחא, כי] **דַּיָּהּ לְצָרָה בְּשַׁעְתָּהּ.**

---

[ג] נראה דקושיית רבינו הוא בעיקר לפי הפירוש שנפרש בהגמרא דמה שאמרו בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, היינו לקרות פרשת בלק בלבד, ולא פרשת שמע והיה אם שמוע ויאמר, דאז אינו טורח גדול יותר כ״כ.

ועיין **בחידושי תורה תשט״ז** בס״ג בלק (עמוד תרא), וז״ל: אינו מבואר שם בגמרא אם מה שרצו לקבוע פרשה זו בקריאת שמע היינו שיאמרו רק פרשת בלק ובזה לבד יקיימו מצות קר״ש, או שגם פרשת בלק יאמרו עם הקר״ש, דלכאורה יש מקום לומר דאף על גב שמצות קר״ש הוא מדאורייתא משום דכתיב וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ אין הכוונה שמדאורייתא צריך לומר דוקא פרשה זו, דאפשר שיוצא במה שיאמר איזה פרשה בתורה בכל יום בזמן השכיבה והקימה, וכ״כ באמת **בתלמידי רבינו יונה** פ״ג דברכות על מה שהקשו שם בגמ׳ (דף כא.) למ״ד ק״ש דרבנן והא כתיב ובשכבך ובקומך, ומשני ההוא בדברי תורה כתיב, ופירשו תר״י דהיינו שלעולם גם לדידי׳ אמרינן דעצם מצות קר״ש הוא מדאורייתא, אלא דמ״מ ס״ל דקר״ש דרבנן, והיינו דמה שצריך לקרות פ׳ שמע דוקא זהו רק מדרבנן, דמה״ת יכול לצאת יד״ח בקריאת איזה פרשה שבתורה בזמן שכיבה ובזמן קימה יהיה איזה פרשה שיהיה. ועי׳ **בשאגת אריה** (סימן א) שדעתו נוטה דכן הוא העיקר להלכה דעצם מצות קר״ש הוא מדאורייתא אבל קריאת פ׳ שמע הוא רק מדרבנן. ולשיטה זו שפיר אפ״ל דמעיקרא כשקבעו חכז״ל לקרות פרשה מיוחדת לקיים בה מצות קר״ש בקשו מתחלה לקבוע פרשת בלק לקריאה זו, רק מפני שיש בה טורח הציבור קבעו לומר פ׳ שמע שהיא קצרה יותר.

אמנם אף למאן דאמר קר״ש דאורייתא אינו מבואר להדיא שצריך לקרות פ׳ שמע דוקא, אלא י״ל דסובר דא״א לצאת יד״ח בכל איזה פרשה שיהי׳ רק צריך לקרות דוקא פרשה דאיירי בה מענין שכיבה וקימה, וכדמוכח כאן בגמרא דבקשו לקבוע פ׳ בלק בקר״ש כיון דכתיב בה כרע שכב כארי וגו׳, והיינו דבכל פרשה שנזכר בה מענין מצות ה׳ שצריכים לעשות בזמן שכיבה וקימה יכולין לצאת בה יד״ח מה״ת, אלא שמדרבנן קבעו לקרות פרשת קר״ש דייקא, ומתחלה ביקשו לקבוע לזה פרשת בלק. ועכ״פ אין מבואר בגמרא אי כוונתם היה לקבוע ב׳ הפרשיות או פ׳ בלק לבד.

KolSatmar.com

צא

אבל בדורינו שרואין כבר חוצפת הדור, וצריכין להשתמש נגד זה בחוצפה דקדושה, באמת יש תועלת בקריאת פרשה זו בתורה ובלימוד ענינה, והחכמים אם היו בדורינו היו קובעין אותה גם בקר"ש, אלא שלמעשה לא קבעוה

**בדורותינו אלה העט מען עס געדאַרפט צו זאָגן אין די קריאת שמע.**

**נאָר וואָס דען, משום לא פְּלוּג, אַז מ'האָט עס נישט קובע געווען קען מען שוין עס נישט זאָגן אין די קריאת שמע.**

איז מען יוצא מיט קריאת התורה [שקורין בפרשה זו], און מיטן **לימוד** [חומש רש"י] פון די פרשה, [כדי שנלמוד, וויאַזוי] **מ'זאָל זיך 'האַלטן' ביי "קבלת עול מלכות שמים".**

צב

המשך ישוב קושיא יג

קריאת שמע הוא קבלת עול מלכות שמים לידע שהקב"ה הוא "ה' אחד" ואין בלתו, ולכן רצו לקבוע פרשה זו שממנה נלמד כח החוצפה דקדושה, ליע שאין שום דבר בעולם לירא ממנו זולת הקב"ה ותורתו הקדושה

און טאַקע פאַרדעם קער [זיך] דאָס אָן מיט "קריאת שמע" [שהוא קבלת עול מלכות שמים].

איבערדעם זאָגט די גמרא, [כי] על כל פנים מ'האָט **בקשו לקבוע** [אותה בקריאת שמע].

האָט דאָס אַ שייכות. פון דער פרשה פון בלק'ן קאָן מען זיך אויפדרינגען "וויאַזוי" מ'זאָל מקבל זיין דעם עול מלכות שמים. [ווייל] מ'זעט ווי ווייט, אַז חוצפא כלפי שמיא מהני.

אַז מ'איז זוכה צו "מקבל זיין עול מלכות שמים", מוז זיין [באופן] **אַז מ'זאָל וויסן אַז מ'זאָל אַלעס מוחל זיין** [הכבוד של כל העולם, כדי] **אַז מ'זאָל זיין דבוק אין "הקדוש ברוך הוא"!!**

**און זוּלַת זֶה איז הַכֹּל הֶבֶל!**[נא] [ולא יתפעלו מהתנגדות כל העולם נגד זה].

[ויש לפני עינינו רק] **הקדוש ברוך הוא ותורתו הקדושה!**

[ולידע זאת] **דאָס איז דער הויפּט "קבלת עול מלכות שמים".**

**ה' אֶחָד!**

**עפּעס אַנדערש איז נישטאָ, נאָר הקדוש ברוך הוא ותורתו הקדושה!**

און דאָס איז געדרינגען טאַקע דאָ אין די פרשה פון בלק, דער "כח החוצפה".

[וואָס] אַנדערש האַלט עס נישט אויס [=שבלא זה אין קיום לדבר].

צג

## ברכת הקודש

נאָר דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ'זאָל די זכיה האָבן, מ'זאָל טאַקע דבוק זיין אין הקדוש ברוך הוא באמת.

הקב"ה הוא יעזרינו, מ'זאָל מיר זוכה זיין צו קבלת עול מלכות שמים באמת.

מ'זאָל מיר במהרה זוכה זיין צו זען די אַלע ישועות מיט די אַלע נחמות.

מ'זאָל זוכה זיין צו זען במהרה די ישועה אמיתית, ישועת כל ישראל ושמחתן, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

---

[נא] מלשון הפסוק בקהלת (א, ב).

KolSatmar.com